STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09356

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

פון שטוב און גאס

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן־פרייהייט“
מיט דער דערלויבעניש פון ב. קלעצקין פאַרלאַג, פוילן

Published by the Morning Freiheit

---

by permission of
B. Kletzkin Publishers, Poland

PRINTED IN U. S. A.

PROMPT PRESS, INC., NEW YORK 209

אינהאַלט

ערשטע אָפּטיילונג: געדיכטן

ראָמאַנצעראָ.

אויף דיין באַלקאָן — 9
עס שיינט די לבנה — 9
וואו עס וועט מיין מזל — 10
שוואַרצע פליגל — 10
כ'האָב מיך אויפ'ן בעט געוואָרפן — 11
עס מאַכט צו מיר די לבנה פון הימל — 11
א גאַנצע נאַכט האָב איך ריימען געשמידט — 12
א טרער — 13
טיילמאָל דאַכט זיך מיר — 13
אין דער שטילער נאַכט — 14
טרויעריג פרעגן מיינע לידער — 14
האָסט געצילט און האָסט געטראָפן — 15
צווישן בלומען — 16
פאַרגעסן און פאַרשטויבט — 17
שטאָלץ גייט אָפּ די זון — 18
עס בליט דער בוים גינגאָלדן — 19
ס'מזל שטעלט מיר אויף א רעטזעל — 20
האָף און גלויב — 21

ווען איך בין א גאָט — 21
די נאַכט — 22
ווען איז ערגער — 24
אין סבר — 25

צווייטע אָפּטיילונג

הומאָר

אן איבערקערעניש — 29
אויספּאַרקויפט — 30
פּאָלקס־מאַטיוו — 31
איך האָב געוואָלט זי שטודירן — 32
מיש־מאַש (דער יתום) — 33
קליינע מענטשן, דראָבנע מענטשן — 34
אויגן און ליפּלעך — 35
דער פּאָעט — 36
טאָמער — 37
אמת און שקר — 38
ברידער — 39
א טעאַטער איז די וועלט — 41
אך, מיין נשמה — 42

דריטע אָפּטיילונג

ביטערקייט.

מיין מוזע — 45
די נאַכט־וועכטער — 46
דאָס נייע וויג־ליד — 48

וואָס געגאַרט איר בלאַנקע בליצן — 50
אָך, פאַרוואָס האָסטו גאָט מיך פאַרשאָלטן — 51
רבונו של עולם, פון אַלע די צרות — 52
אַן אָקס, אַ יונגער, גיט ראַפּטום אין שטאָל — 53
אַן אדום — 55
גאָט זאָגט... — 56
וואָס פאַר אַ מין חיה... — 58
דאָס געבעט פון שעפּעלע — 60
פון יחזקאל — 61
פון יחזקאל קאַפּיטל ל״ג — 67
כסא שלמה — 69
דעם לייב׳ס לויה — 78
ער׳ און זי 1 — 83
ער און זי 2 — 93
פרילינג — 95
אמאָל — 96
יוכבד — 98
די שול־קאַלינע — 102

פערטע אָפּטיילונג

פון דער אַרבעט.

דריי נייטאָרין — 109
וואָס טראַכטן און קלערן — 111
דאָס געבעט — 113
לידער — 115
ביים פרעמדן חופּה־קלייד — 117

פינפטע אָפּטיילונג

געמישט.

ירמיהו'ס בריוו — 139
ר' חנינא בן דוסא — 145
דער אידישער קוועסטאר — 151
פריי אוים נאדסאָן — 154
דער בעכער — 160
א סצענע — 162
ליטעראטור־סצענע — 165
איך גיי ארום אין פרעמדן וואלד — 174
וואס איך וויל פון דיר — 174
פון ישעיהו — 177

זעקסטע אָפּטיילונג

מאניש — 183
דאס פארטוך — 213
דריי קיכלעך — 231
אויפ'ן געלעגער — 243
א חלום פון א ליטווישן מלמד — 247

ערשטע אָפּטיילונג

געדיכטן: ראָמאַנצעראָ

* *
*

אויף דיין באַלקאָן העגגען מיינע אויגן;
זיי זעען דיך נישט;
ס'וועלקן דאָרט בלומען, די טיר איז געשלאָסן,
די שויבן פאַרווישט...

ווי א פויגל פליט אַרויף מיין נשמה
און שלאָגט זיך דאָרט צווישן די אייזן...
שטילערהייט קלאַפּט זי ביי דיר אין די שויבן, —
דו ווילסט דיך ניט ווייזן...

דאַן פליט זי צוריק, באַנג און דערשראָקן,
דערשלאָגן און מיד;
אין הארץ אין קראַנקן הויבט אָן צו קלינגען
דאָס טרויעריגע ליד!

* *
*

עס שיינט די לבנה, עס בלאַנקען די שטערן,
מיר זיינען די אויגן פאַרלאָפן
מיט טרערן; אַך, זאָג מיר, מיין מזל,
מעג איך נאָך האָפן?

צי פירט איר נישט, שטערן, מיין טרויעריגן אָרון
אין הימלישן וואָגן?
צי וועל איך, לבנה, זען מאָרגן דיין שוועסטער? — — —
וואָס וועט זי מיר זאָגן?

* *
*

וואו ס'וועט מיין מזל מיך ערגעץ פארוואַרפן
אויף לאַנגע, אויף טרויעריגע יאָרן — —
געדענק! פאר רחמנות כאָטש לאָז מיר נאָך איבער
א פּיצעלע אָרט אין זכרון...

וואָס איך וועל ליידן, די ערד וועל איך קילן,
דאָס הארץ וועלן ווערים מיר אויפעסן,
איך וועל געדענקען! — איך וועל דערפילן,
ווען דו וועסט פארגעסן!

* *
*

שווארצע פלינל — — שווארצע קראָען — —
פינצטער־שווארצע געדאנקען!
קענסט זיי פארטרייבן, ליג צו דיין האנט נאָר
מיר, צו מיין שטערן, דעם קראנקן!

פינצטערע וואָלקן, בלייערנע וואָלקן
ציען און לאָזן נישט טאָגן...
און נאָר איין־איינציגער בליק דיינער אויגן
קען זיי פאריאָגן...

קראנק איז דאָס הארץ... שווער איז דאָס הארץ...
ווי פינצטער און גליטשיג איז דאָרט...
און דאָך קען דאָרט בליען גליק אָן א שיעור —
עס דארף נאָר דיין וואָרט!

* *
*

כ'האָב מיך אויף דעם בעט געוואָרפן...
אַך, דער קראַנקער קאָפּ וויל רוען;
איך פאַרשליס די קראַנקע אויגן — —
אין דער לופט דאָך יאָגן, פליען,

טרייבן, מישן זיך און שוועבן
פלעקן פאַרביגע און שפינען
בלומען, שטערן און געזיכטער,
און עס ווערט אַלץ באַלד צערינען!

איין געזיכט פאַרהאַלט זיך לענגער — —
שוואַרצע אויגן, פול מיט טרערן — —
עפּעס שעפּטשען בלאַסע ליפּן,
נאָר איך קען קיין וואָרט נישט הערן.

* *
*

עס מאַכט צו מיר די לבנה פון הימל:
„איך האָב א שוועסטער אויף דר'ערד:
א בלאַסע, דו קענסט זי, איך האָב פון דיין מויל
נישט איין מאָל איר נאָמען געהערט!"

„רופסט זי פאַרשיידן... מיט טרערן, מיט כעס...
קראַנק ביזטו דורך איר, איך וויים!
זי מוז אָבער האָבן ארום זיך די שטערן —
זיי אויף מיין שוועסטער נישט בייז!"

* *
*

א גאַנצע נאַכט האָב איך ריימען געשמידט,
פון זילבער און גאָלד;
און מיינע אייגענע הארציגע ליידן
קלינגען מיר האָלד...

דערנאָך האָט א שטראַלינגן, העלן גוט־מאָרגן
געשיקט מיר די זון...
האָט זי מיין וואַקסן־געל פנים געזען,
ווייסט זי, ווי עלנט איך בין!

אַ טרער.

א וואָלקן האָט פאַרדעקט דעם הימל,
ווי א שוואַרצער שאַרבן:
עס איז פינצטער ווי אין קבר,
דאַכט זיך מיר, כ'וועל שטאַרבן.

אויף מיין קרענקלעך הייסן שטערן
פאַלט א טראָפּן שווער;
צי וועט דעמאָלט, אויף מיין קבר
פאַלן אירס א טרער?

* *
*

טיילמאָל דאַכט זיך מיר
אַז מיר זיינען טויט,
נאָר אונז חלום'ט זיך
נאָך די לעבנס-נויט!

און מיר זוכן זיך
טרויעריג און באַנג.
כאָטש מיר זיינען טויט
און באַגראָבן לאַנג!

* *
*

אין דער שטילער נאכט,
— קיינער הערט און זעט! —
גיסט זיך אוים מיין הארץ, —
הערסטו מיין געבעט?

אין דער שטילער נאכט
ליג איך אויסגעשטרעקט
און וויין... צי האט די עס
אמאל פון שלאף געוועקט?

* *
*

טרויעריג פרעגן מיינע לידער:
וואס האסטו געוואלט פון אים?
נאך וואס האסטו אים געצויגן
אין דיין נעץ אריין?

שמערצלעך ווייגען מיינע לידער:
וואס האסטו געוואלט פון אים?
ווייניג האט ער נעכט אן שטערן,
ווייניג—טעג אן זון?

יאמער קלאגן מיינע לידער:
וואס האסטו געוואלט פון אים?
און געקוילעט אן רחמנות
האסטו אים!

* *
*

האָסט געצילט און האָסט געטראָפן
און — דו שמייכלסט פארגעניט!
האָסט געצילט און האָסט געטראָפן,
מיר איז דאָס הארץ מיט בלוט פארלאָפן —
האָסט געזיגט!

* *
*

און פיין ווי גאָלד איז דיין פארשטאנד!
און קלאָר דיין אויג, און פעסט דיין האנט!
און שארף די שפיז!
אָן א ציטער! כ'זאָג דיר אָפן,
האָסט געזיגט, דו האָסט געטראָפן —
און — איך ליג ביי דיינע פיס!

צווישן בלומען

קאַלט קוק איך אָן
נ׳ווילד רויטן מאָן;
פאַרשייט און צעפלאָסן,
מיט פלאַמען באַגאָסן,
ווינקט ער פון צווישן די זאַנגען...

כ׳באַוואונדער, ווי ס׳שיסט
צום הימל די רויז;
עס פלאַטערט איר שויס,
זי ציטערט און פליסט
מיט האַרציג און דופּטיג פאַרלאַנגען!

אין איר חופּה־קלייד
שטייט די ליליע־פיין;
ווי דער פרישער שניי,
ווי דער הימל ריין...
נישט זי דאָך האָט מיין האַרץ געפאַנגען!

ס׳פאַרשטעקט זיך שטיל אין גראָז
א בלימעלע א קליינס,
א פיינס,
א בלאָס, —
און ס׳ציט מיך מיט אייזערנע צוואַנגען!

* *
*

פאַרגעסן און פאַרשטויבט
ליגט די אַלטע האַרף ;
צעריסן און פאַרשמאַכט
שווייגט דאָס אַלטע האַרץ...

אָפט רייסט זיך פון דער האַרף
אָפּ א שאַרפער טאָן ;
עס רייסט זיך אויס פון האַרץ
אמאָל א שווערער זיפץ,

און פאַרשטומען באַלד
אויף לאַנגע, לאַנגע טעג
און — נאָך לענגערע —
שטילע, וויסטע נעכט !

* *
*

שטאַלץ גייט אַפּ די זון,
אין פּורפּור געהילט!
שטאַלץ זאָגט זי: „גוט נאכט!
מאָרגן שיין איך אויף”.

עם פאַרוועלקט די בלום
נאָר איר וואָרצל לעבט;
אריבער וועט דער שניי,
בליען וועט די רויז!

דער פויגל פליט אַוועק
מיט לוסטיגן „אדיע!”
מיט דעם פרילינג־שטראַל
וועקט אייך מיין געזאנג!

אַלץ שטייט אויף צוריק,
שיינט און בליט, און זינגט...
נאָר א האַרץ אַז ס'ברעכט —
ניין, דאָס לעבט נישט מער!

* *
*

עס בליט דער בוים גינגאָלדן,
טרייבט זיך אין דער הויך!
עס יאָגט א גראָער וואָלקן
ר'שטייט שוין וועלק און בלייך!

ס'בלאָזט א ווינט א קאַלטער
ער בלייבט פארשטארט אין שרעק;
עס פאַלט א בלאט און יאָמערט:
איך שטאַב! איך שטארב אוועק!

„נישט אייביג וועט זיין ווינטער,
דער זומער קומט צוריק;
דער בוים וועט ווייטער בליען
צו מזל און צו גליק!"

— אמת, — קלאָגט דאָס בלעטל, —
נאָר וואָס וועט זיין פון מיר?
עס פייפט דער ווינט אָן רחמים:
מיסט וועט זיין פון דיר!

* *
*

ס'מזל שטעלט מיר אויף א רעטזעל,
הייסט מיר טרעפן. און איך ווייס
אַז עס וועט אומזיסט באַגיסן
ביי דער אַרבעט מיך דער שווייס!

ס'דרייט אין מח ווי אַן ענגבויר,
און דאָס האַרץ ברעכט ווי א שאַרבן...
מיט'ן רעטזעל וועל איך גוס'ן,
אָן אַן ענטפער וועל איך שטאַרבן!

האָף און גלויב

האָף! נישט ווייט איז שוין דער פרילינג,
ס'וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען!
נייע נעסטן, נייע פייגל;
וועלן נייע לידער זינגען; —

גלויב, די נאַכט וועט זיין פאַרשוואונדן,
און די וואָלקן אויך צערונען,
בלאָ וועט ווייטער זיין דער הימל, —
נייע שטערן, נייע זונען!

נייע רויזן, נייע בלומען
וועקט דעם פרילינגס זיסער הויך;
עס וועט שיינען, שמעקן, זינגען!
און — אויף אונזער קבר אויך...

* *
*

ווען איך בין א גאָט, וואָלט איך אַנדערש געשטראָפט!
איך וואָלט א זינדער א הארטן
צוגעזאָגט אַלעס, אי נחת, אי גליק —
איך וואָלט אים געהייסן נאָר וואַרטן!

די נאַכט

איך פּרואוו דעם בלייערנעם הימל
און קוק אומזיסט מיר אוים די אויגן ;
טויט... עס רירט זיך נישט דער וואָלקן,
און קיין שטראַל איז דורכגעפלויגן.

אָן א צייכן, אז דער מאָרגן
נייער האָפענונג און שטרעבן
זאָל דעם טויטן וואָלקן שפּאַלטן
מיט א שטראַל פון נייעם לעבן...

שאַ, א שאָרך ! אַך, פליגל רוישן
אין דער לופט. וואָס דערוואַכט ?...
אַך, די פלעדער־מייז !... זיי לעבן !
זייער באַנע... זייער נאַכט...

* *
*

א נאַכט, א נאַכט א חושכ'דיגע
איבער באַרג און טאָל...
און דער הימל איז פאַרפּאַנצערט,
סאַמע בלײַ און שטאָל!

פאַר דעם קלײנעם חלב־ליכטל
שרעקט זיך נישט די נאַכט;
דער ווינט דער ליץ נאָך וויל עס לעשן!
ווי ער פּײַפט און לאַכט...

— — — — — — — — — — — — —

שאַ, עס הערט זיך, א לויה...
און עס שפּוקט, און עס שרעקט...
מ'זאָגט, דער יושר איז געשטאָרבן,
און דער שכל עקט.

א נאַכט א שרעקלעך חושכ'דיגע
דריקט אויף באַרג און טאָל;
און דער היבל איז פאַרפּאַנצערט
סאַמע בלײַ און שטאָל.

ווען איז ערגער

שלעכט איז דעם, נעבעך, וואָס בלאָנדזשעט אין מדבר;
ווייט, פאַראירט פון דער היים;
אומענדלעכער טרוקענער זאמד פאַר די אויגן,
קייקלט זיך אונטער די פיס.

און איבער'ן קאָפּ אַן אומענדלעכער הימל,
עם בלאַנקען אומציילינע שטערן.
„בלאָנדזשעט איר אויך?" זיי בלישטשען און בלאַנקען,
און שווימען, און רעדן קיין וואָרט.

„איך קוקט דאָך אַלץ, שטערן, אַראָפּ פון'ם הימל,
צי זעט איר מיין שטיבל, מיין היים?"
„צי ברענט דאָרטן פריילעך אין קוימען דאָס פייער?
עם בלישטשען די שויבן ווי גאָלד?"

„ז'איז טרויעריג?... צי בענקט זי? וואָס מאַכן די קינדער?
אָ, האָט רחמנות, און זאָגט!"
עם שווימען נאָך שטילער די זילבערנע שטערן,
און שווייגן...

ערגער איז דעם דאָך, וואָס בלאָנדזשעט אין מדבר
און האָט נישט אין ערגעץ קיין היים...
עם שפּילן קיין קינדער, עם ברענט נישט קיין פייער,
און קיינער האָט נאָך אים צו בענקען.

דער יואָרפט זיך מיד אויף'ן זאמד מיט'ן פּנים,
און זעט נישט קיין הימל, קיין שטערן;
ער זעט נישט און פרעגט נישט, און וואַרט אויף קיין ענטפער;
שוין אַלצדינג פאַרלוירן, פאַרלאָשן...

אין קבר

(באַלאַדע)

אַמאָל איז געווען אַ מיידל,
האָט זי אַ אינגל געליבט;
עס ליבט אויך דאָס אינגל דאָס מיידל;
זיינען זיי ביידע באַטריבט:

דאָס אינגל איז אָרים, אוי אָרים!
דער פאָטער דעם מיידל'ס — אַ גביר.
ווייזט ער, דער פאָטער דער רייכער,
דעם אָרימען אינגל די טיר!

דעם פאָטער מוז פאָלגן דאָס מיידל:
מען פירט צו דער חופּה זי פיין;
עס גייט ווי אַ ליכט אויס דאָס אינגל,
און שטאַרבט אין זיין קעלער אַליין.

דערהערט זי, אַז ער איז געשטאָרבן,
און שלייכט זיך אַרויס פון דער שטוב;
קומט זי צום קבר צום ליבן,
עפנט זיך פאַר איר דער גרוב.

שטרעקט די הענט אויס דער טויטער
ווערט זי צום קבר געצויגן;
נעמט זי' אַראָפּ אים די שאַרבן,
קושט די פאַרשלאָסענע אויגן...

עפנט די אויגן דער טויטער,
און נעמט זי אַרום מיט אַ האַנט;
שליסט זיך דער גרוב איבער ביידע,
ליגן זיי ביידע באַנאַנד!

צווייטע אָפּטיילונג

הומאָר.

און איבערקערעניש

און די לופט איז פול מיט זיפצן,
פול מיט ברענענדיגע טרערן;
מיט'ן לעצטן גוסס־אָטעם,
פול חרמות און פארשווערן.

פול מיט אסכרה, קרופּ און מאָזל,
פול מיט טיפוסן פאר הונגער...
נאָר די קלאַווישן באַרירן
דיינע שמאָלע, לאַנגע פינגער —

און איבערקערעניש אויף אַלעם!
ווי די טענער טאַנצן, שפּרינגען...
און די לופט ווערט פול מיט לצים,
רויטע מיצלעך... און זיי קלינגען

מיט די קליינע זילבער־גלעקלעך,
העכער, העכער און געדעכטער...
שוין! פאַרשוואונדן אַלע צרות
און די וועלט איז פול געלעכטער!

שכור טאַנצן אַלע בלומען,
וועלדער, טייכער קאַנקאַנירן...
די לבנה ווינקט מיט ד'אויגן,
און די שטערן קאָקעטירן...

און די שטערן — דיינע אויגן!
הויב איך אָן מיט דיר צו זינגען,
און די גלעקלעך אויף די מיצלעך
קלינגען, קלינגען — נאָר זיי קלינגען.

אויספאַרקויפט.

(אַ שפּאַס)

מיט אַ וואַרעם האַרץ געגאַנגען
איז ער צו דער וועלט;
ר'איז געפעלן! ס'האָט דער עולם
האַרץ ביי אים באַשטעלט.

האַרץ אויף לוימן, האַרץ אויף קווינטן,
וואַרעם האַרץ אַהער!
דאַמען קויפן פאַר אַ שמייכל,
מיידלעך — פאַר אַ זיסער טרער.

און פאַר קליין־געלט קויפן לעזער...
פאַר אַ גראָשן, פאַר אַ דרייער.
און עס שמעקט אַזוי דעם עולם:
אַי, דאָס האַרץ איז טייער!

און ער האָט געהאַט אַ מחיה —
גרויס געווען ס'פאַרלאַנגען;
ביז ער האָט פאַרמאַכט דאָס קרעמל:
ס'האַרץ איז אויסגעגאַנגען!

פאָלקס־מאַטיוו

שטיינערנע פּאַלאַצן,
אייזערנע באַלקאָנען,
טרעפּ פון ווייסן מאַרמאָר,
גאָלדענע סאַלאָנען.

קרישטאָל'נע זשיראַנדאָלן
בלאַנקען דורך די שויבן...
דאָרט וועט מיין געליבטער
זיך א כלה קלויבן.

זיך א כלה קלויבן,
שענער און געזינטער...
און איך וועל דאָ פוילן,
ווי א בלאַט אין ווינטער...

* *
*

איך — האָב געוואָלט זי שטודירן,
זי האָט געגאַרן געוואָלט;
איך האָב געמיינט — זי קאָן פילן,
זי, אַז מיין קייטל איז גאָלד.

אין לאָמבאַרד איז זי דאָך דערפאַרן:
מיין קייטל איז טאָמבאַק און הויל;
איך — אַז איך האָב מיך פאַרשפּעטיגט,
איר האַרץ איז פאַרבּרענט שוין אויף קויל.

מיר זיינען זיך ביידע צעגאַנגען,
געזאָגט זיך א קאַלטן „אַדיע!"
פאַרשידענע וועגן גענומען,—
און דאָך טוט דאָס האַרץ אַזוי וויי!

מיש-מאַש

דער יתום

איך האָב דיך, מיין טייערע לירע —
דערפון איז מיין לעבן נישט גרינגער;
מען וויל דיך ניט נעמען אין לאָמבארד,
כ'קאָן מיט דיר שטאַרבן פאַר הונגער.

האָסט, לירע, גאָר זעלטענע סטרונעס,
טענער — אַ פרייד צו די אויערן,
דאָך זעלטן באַריר איך זיי ווינטער,
כ'האָב שטענדיג די פינגער געפרוירן.

און פרילינג־צייט — ווען ביי די בלומען
די זומער־פיינעלעך רימפּלען —
בין איך אַזוי עלנט־פאַר'יתומ'ט...
איך האָב נישט פאַר קיינעם צו גרימפּלען!

* *
*

קליינע מענטשן, דראָבנע מענטשן,
זייער שעלטן, זייער בענטשן,
זייער ליבן, זייער שרייען,
זייער פלאַמען, זייער שפּייען,
זייער בעטן מיט געוויין,
זייער קריצן מיט די ציין, —

אַלץ איז דרויב,
לייכטער שטויב,
פאַר דער שוואַכסטער פליג קיין לאַסט!
און די צייט אָן רו, אָן ראַסט
שוועבט אויף שטאָלערנע, ריזינע פליגל...
(נישט צום גראַם).

אויגן און ליפּלעך

אירע אויגן, אירע ליפּלעך —
אויף דער וועלט צו רימען!
זיינען פּיילכן דען און רויזן
נישט די שענסטע בלימען?

פּיילכן זיינען אירע אויגן,
און זיי לייכטן, ווארעמען...
דאָך די רויזן־ליפּלעך שעלטן —
זאָל זיך גאָט דערבארמען!

דער פּאָעט

דעם גאָרגל אַראָפּ אויף די לאַצן,
דאָס היטל פאַרשטופּט איבער ד'אויערן,
די הענט אין די ליידיגע טאַשן,
הונגעריג, דורשטיג, געפרוירן,

שפּאַצירט ער און פייפט זיך אַ לידל,
און קלאַפּט צו אַ צאָן אין אַ צאָן...
באַשר, ער האָט נישט געגעסן?
פי! ער באַגייט זיך דעראָן!

ראָק, הויזן, שטיוול — צעריסן!
באָבקעס! — אים שאַדט נישט קיין קעלט!
איי־וואָס, ער האָט נישט קיין דירה?
דער הימל, דער איז זיין געצעלט!

באַשר, פרעמד איז ער און עלנט?
זענ'מיר דען אַלע נישט ברידער?...
אים אַרט נאָר דאָס שטופּן, דאָס לויפן,
דאָס יאָגן, דאָס ווילדע גערידער!

„וואָס רייסן דאָ איין די נאַראָנים?
וואָס איז דאָס געיעג, דאָס געשריי?
וואָס טרעטן זיי אויף די נאַגניאָטקעס?
וואָס מאַכן זיי שמוציג דעם שניי?"

נאָר, זיין כפרה — נאַגניאָטקעס;
דער שניי נאָר, דער שניידט אים ביים האַרץ!—
„זיי טרעטן די ריינסטע בריליאַנטן,
און מאַכן זיי שמוציג און שוואַרץ".

טאָמער

באַ, איך זאָל וויסן, אַז ס'איז נאָר אַ חלום,
פון כח הדמיון געוועבט!
עס שרעקט זיך דאָס האַרץ דאָך: און ווען, חס ושלום,
הייסט שוין דאָס טאַקע געלעבט?

עס דרייט מיר אין מח דער „טאָמער", די שטראָף,
דער עגבויר, דער „יחפור בדקר"!
און טאָמער איז אמת פון אל"ף ביז תי"ו
דער ווילדער, דער נאַרישער שקר?

טאָמער איז אמת נאָר אַלץ, וואָס מיר הערן,
און נאָר וואָס מיר זעען, דאָס האָ'מיר?
און ס'וועט שוין אין אייביגקייט בעסער נישט ווערן...
עס מאַכט מיך משוגע דער „טאָמער"...

אמת און שקר

„שקר”, שטייט, „אין לו רגלים” —
אָבער אמת? זי האָט פיס!
פאָרט דער שקר אין קארעטן
און די אמת — גייט צופיס!

פון די פיס דאָך פאלט די אמת...
ווי ברילִיאנטן — הינער־אויגן,
קוים זי שלעפּט זיך! און דער שקר
פליט זיך „נאשפּיץ”—פייל פון בויגן!

און באשפּריצט זי מיט דער בלאָטע,
און דערלאנגט איר מיט דער בייטש!
און די גאסן־יונגען לאכן:
יויים וואָס „נאבאָק” איז די טייטש!

ברידער

ווייסע, ברוינע, שווארצע, געלבע —
מישט די פארבן אויס צוזאמען!
אלע מענטשן זיינען ברידער...
פון איין טאטן, פון איין מאמען!

אויך — איין גאט האט זיי באשאפן,
און — איין פאטערלאנד די וועלט —
אלע מענטשן זיינען ברידער,
דאס איז איינמאל פעסטגעשטעלט!

* * *

אלע מענטשן זיינען ברידער,
שווארצע, ווייסע, ברוינע, געלבע...
אנדערש זיינען נאר די פארבן,
די נאטור איז — די זעלבע:

אומעטום דאס זעלבע פראלן,
כ'האב דאס טויזנט מאל געהערט!
און פון זאגן ביז צו טראגן —
איז פון הימל ביז צו דר'ערד!

— — — — — — — — — — — — —

אַלע מענטשן זיינען ברידער:
געלבע, ברוינע, שוואַרצע, ווייסע...
פעלקער, ראַסן און קלימאַטן —
ס'איז איין אויסגעקלערטע מעשה.

אומעטום דערזעלבער מוסר,
אומעטום דאָסזעלבע ליגן —
מיט'ן מויל דער גאַנצער עולם,
די פּאָליטיקער מיט שווייגן!

— — — — — — — — — — — — —

אַלע מענטשן זיינען ברידער!
און—זיי שפּילן זיך אין פּלישקעס,
די נשמות זיינען ווערמלעך —
אינ'ם טאַביק פון שישקעס...

* *
*

א טעאַטער איז די וועלט,
גאָט איז רעזשיסער —
ס'שטיק איז פיין, — ליידער איז
דער טייוול דער סופלער —

די בודע איז דאָס שוואַכע האַרץ...
דער טייוול פעלשט דאָס שטיק!
און אויב מען זאָגט אַרויס אַ גרייז,
כאַפּט מען נישט צוריק!

— — — — — — — — — — — — —

און מען קען דען היטן זיך,
נישט מאַכן קיין סקאַנדאַל?
עס איז מייסטערהאַפט דאָס שטיק,
די גרייזן—גענ יאַל!

אין עס שטרויכלט דער אַקטיאָר —
און ווען ער דאַרף מיט גרויל
שמעטערן פון זיך דעם כוס,
כאַפּט ער אים צום מויל!

פלאַמיג פּערלט זיך דער וויין,
און ער טרינקט אים אויס...
און דער דונער איילט זיך נישט...
גאָט'ס געדולד איז גרויס...

* *
*

אך, מיין נשמה! דיך שטיקט דאָס געוויין,
אך, זיי נישט פאַרזאָרגט און—באַטריבט!
וואָס שאַדט דיר דער אמת? איך זאָג דיר אליין,
איך האָב שוין נישט איינמאָל געליבט!

נישט איינמאָל האָב איך אויך פאַרבומעלט א נאַכט;
פון זינען אַראָפּ — גאַנץ אָפּט...
נעקניט, — אין די קניען מיר לעכער געמאַכט...
געליטן, געקרענקט און געהאָפּט...

מיילעכלעך רויטע נישט איינמאָל געקושט,
ביז ס'האָט געקרייעט דער האָן...
אָבער מיין לעבן? דאָס אַלץ איז פאַרווישט —
היינט נאָר ביזטו מיין שגעון!

דו בייזערסט זיך אויף מיר, און פרעגסט, וואָס איך וויל
קוק אויף מיר, נחת מיינס, גוט!
זאָל אין די אָדערן, רואיג און שטיל,
פליסן ווי שטענדיג דיין בלוט!

קוק אויף מיר ווארעם און הארציג ווי פריר,
גלויב—איך האָב ריינע געוויסן!
כאָטש די פאַרגאַנגענהייט געהער נישט צו דיר,
די צוקונפט—די קאָן איך נישט וויסן;

גרענעצלאָז איז דאָך מיין ליבע—מיין קרענק...
אומענדלעך — מיין גליק און מיין לייד!
איך שווער דיר אומענדלעך, כאָטש נישט אין דער לענג,
וואָס שאַדט דען דיר, אז—אין דער ברייט?!

דריטע אָפּטיילונג

ביטערקייט

מיין מוזע

נישט קיין בלימל איז מיין מוזע,
אויף דער וויזע וואַקסט זי נישט;
נישט קיין שמעטערלינג, וואָס זוכט
אַלע בלומען אויף און קישט!

נישט קיין נאַכטיגאַל מיין מוזע,
האָט קיין טרעלען, האָט קיין זיסע...
ז'איז אן אידענע אַן אַלטע,
אן איינגעשרומפּענע, א מיאוס'ע;

אן עגונה מיט יתומים
און פאַרשפּרייטע אויף דער וועלט;
און אן אביונ'טע א גרויסע,
און זי שרייט נאָר, און זי שעלט...

די נאַכט־וועכטער

(א נאָכגעמאַכט פרום־רבניש לידל)

א נאַכט—א מחיה! דאָס נעכטל איז טייער!
נאָר היט אייך פאַר פייער! היט אייך פאַר פייער!
נאָר נישט געקאָכט און געזאָטן!
פאַרשליסט נאָך די פענצטער און טירן און טויערן,
פאַרמאַכט נאָך די אויגן, פאַרשטאָפּט אייך די אויערן,
און שנאָרכט אייך, ווי גאָט האָט געבאָטן!

און קענט איר נישט שלאָפן, נו, ליגט כאָטש באַרים!
און הערט זיך שטיל איין ווי פלעדערמויז פליט.
ווי שטיל, און ווי הארציג, און טייער!
און הערט איר גערוישן, געשרייען, געלעכטער,
צי קללות—זייט רואיג, מיר זיינען די וועכטער!
און היטן אייך אַלע פאַר פייער!

פאַרשאָלטן זאָל ווערן, ווער ס'רירט זיך און גייט
און צינדט אָן א פייער, צי רירט די טראָמפּייט
צום בלאָזן, צום וועקן ביינאַכט!
מען וועט אין גיהנום די לייבער זיי דרעשן!
און דאָ וועל'מיר לעשן, און לעשן, און לעשן,
געטריי וועל'מיר דינען דער נאַכט!

שלאָפט אייך! מיר דאַווענען, מיר בעטן און קניען
פאַר גאָט! דער רבונו של עולם זאָל ציען
א וואָלקן אויף אייך ווי א בליי!
א וואָלקן א שווארצן! אָ, גאָט וועט אונז הערן,
ער וועט נאָך פארלעשן לבנה און שטערן,
און דעמאָלט—ווי אָטעמט זיך פריי!

און מיר וועלן רופן נאָך פעסטער, געטרייער:
היט אייך פאַר פייער! היט אייך פאַר פייער!
שאַ! קיין נערויש, קיין געלעכטער!
קיין ליכטל אין מוח, קיין פלעמל אין הארץ!
גרוב זאָל זיין! רואיג, און טויטלעך, און שווארץ!
מיר זיינען, מיר זיינען די וועכטער!

דאָס נייע וויג־ליד

שלאָף, מיין תכשיט, טייער קעפּל,
וואָיווע נישט, גענוג!
די לבנה שווימט אין הימל
און באַטראַכט דיין וויג.

הערסט! זי זאָגט דיר: לערן דיך שווימען
שטיל און אָן אַ שאָרך!
קומט אַ וואָלקן דיר אַנטקעגן —
גנב'ע דיך אַדורך!

זעסט איר פּנים, ס'געלע פּנים? —
קופּער — קען איך שווערן!
ווילסטו שווימען דורכ'ן לעבן,
שאַף דיר אַזאַ שטערן!

דו וועסט שווימען, דו וועסט גליקן,
האָבן געלט אַ סך!
שלאָף, מיין תכשיט! זעסט, אַ קעצל
שפּרינגט אַראָפּ פון דאַך!

אייביג קאָן מען נישט דאָס מזל
האַלטן ביי'ן אַ לאַץ;
פאַלן מוז מען; דו וועסט קענען
שפּרינגען ווי די קאַץ!

אַריין אין בלאָטע מיט'ן פּנים
איז נישט גוט און מיאוס;
פאַלן וועסטו, וועסט דאָך בלייבן
שטענדיג אויף די פיס!

שלאָף מיין תּכשיט! הערסט: אַ הינטל
װענשעט מיט דער נאָז
מיט אַ גדלות, װײַל ער פילט זיך
אויף זיין מיסט בעל־בית!

דאָס מיסט האָט אים, גלויבט ער זיכער,
נאָט אַליין באַשערט...
וואָס עס בלייבט אים, דאָס באַגראָבט ער
דאָרטן אין דער ערד!

וועסט זיך אויך ערשט גליקלעך פילן
אויף דיין מיסט אַליין;
הינטיש־העלדנמעסיג וועסטו
שיצן יעדן ביין!

שלאָף, מיין תּכשיט, טייער קעפּל,
וואָיווע נישט, נענונג!
שטיל — דיין „שטילקייט" הייסט „ענווּת",
און דיין „שווימען"—„קלוג"!

און פאַר דיינס אַ „שפּרונג" וועט געבן
„בראַוואָ" יעדע האַנט —
און דיין „װענשען" הייסט „פאַרזאָרגן",
דיין מיסט — פאָטערלאַנד!

* *
*

וואָס גענאַרט איר בלאַנקע בליצן ?
און דער דונער וואָס פאַרשאַפט ?
ר'זייט דעם הימל'ס פוילע וויצן,
נישט זיין ליכט און נישט זיין קראַפט !

בליצט,—קאַטאָוועס טרייבט דער הימל ;
ס'בלייבט די פינצטערניש אָן ברעג !
און עס שיינט דער אַלטער שימל,
און עס דריקט די אַלטע שרעק !

ס'האָט געדונערט ! פעסט דאָך שטייען
ד'אַלטע תפיסות וואַנט אָן וואַנט !
אינ'ם סטעפּ דאָרט וועט עס דרייען
רערלעך גלעזערנע פון זאַמד !

פאַלשע דונערן און בליצן — —
נישט צעשטערט און נישט געשאַפט ! — —
ווייל איר זייט פוילע וויצן,
נישט דעם הימל'ס ליכט און קראַפט !

צייט־געדיכטן

.1

אך, פאַרוואָס האָסטו, גאָט, מיך פאַרשאָלטן,
מיין מזל זאָל זיין אַזוי שוואַרץ?
שטענדיג זאָל פוילן אין מיר די לעבער,
שטענדיג זאָל פּלאַצן דאָס האַרץ?

*

פאַרוואָס זאָל שטענדיג אין ד'אויגן מיר סווישטשען,
דעם שונא'ס לאַכן, פאַרשווערן;
א האַמער זאָל שלאָגן מיר אין די שלייפן,
און זידן אין ד'אויגן די טרערן!

*

מקנא זאָל איך זיין דעם בעטלער, דעם בלינדן,
דעם דזיאַד מיט דער לירע אין טיר;
ווינטשן זאָל איך מיר ציגיינעריש זיננען, —
איידער צו דינען ביי דיר.

.2

רבונו של עולם, פון אלע די צרות
א קויל מאך און שים אויף אמאל!
מיר וועלן שפרינגען אין וואסער, אין פייער!
און—„שמע ישראל!"

*

קלויב זיי צוזאמען און לאז אויף אמאל
א קלאפ נאך א קלאפ!
קעם אונז מיט אייזערנע ווידלעס, די אדערן
עפן און צאפ!

*

וואס טויג דיר דאס שטעכן מיט נאדלען, מיט שפילקעס?
א מעסער! קוראזש!
ווי א פראוויזאר זייערסטו טראפן?
גים פון דער פלאש!

*

ווען איינע א צרה, א גרויסע, א דונער,
פאלט פון דער האנט נישט דיין פאן...
נאר דראבנע... די טראפן, די לייזינע צרות...
די גרינע גאל נייט זיך אן!!!

3.

און אָקס א יונגער גיט ראַפּטום אין שטאַל
— „רבותים!" א האַרציג געשריי;
„אַט האָט ער, דער קצב, ערשט נעכטן פון שטאַל
גענומען זיך אונזערע צוויי!

— „ער האָט זיי ערגעץ פאַרטריבן, געקוילעט...
היינט, זע איך, שלעפּט ער נאָך איינעם,
רבותים, דער קצב, ער וועט אונז אויסקוילען,
ער האָט קיין רחמנות אויף קיינעם!

*

— „שאַרף איז זיין מעסער, עס וועט דאָך נישט בלייבן,
רבותים, קיין קלאַ פון דער סטאַדע"...
דאָס הערן און קרעכצן ביים זשאָלאָב די קעלבער,
די עקסעלעך מרוטשען: „אודאי!"

*

עס שטייען פאַרצווייפלט, און כליפּען און קרעכצן
אָקסן און קעלבער און קי.
און דרייען זיך איבער צום שטיר־אָקס און פרעגן:
„רבי, וואָס זאָגט איר דערצו?"

*

די הערנער די גרויסע הויבט אויף דער שטיר־אָקס
(ווי ווייט עס דערלויבט אים דער שטריק):
„די יונגע לייטעלעך, ברומט ער ליצנות,
„זיי זיינען גאָר היינט אַן אַנטיק!

*

„ליב האָבן זיי נאָר צו גריבלען, צו קלערן...
רבותי, צי פּאַסט עס פאַר קעלבער?
עס איז קיין נייס נישט! די וועלט איז דיזעלבע,
און איך אויך „שטיר־אָקס” דערזעלבער!...

*

איז שטענדיג דאָס זעלבע: מע קוילעט לאחדים,
איינציגע זעט מען נאָר טרייבן;
דאָס מעסער ווערט שטומפּיג, דער שוחט וועט שטאַרבן
איינס נאָר — די סטאַדע וועט בלייבן!

אַן אדום

(לויט היינע)

לאַנג שוין ליידן מיר זיך ביידע,
וויַ עס פּאַסט פאַר ברידער פיינע;
דו ליידסט, נעבעך, אַז איך אָטעם,
און איך די — שגיונות דיינע!

לאַנג שוין ליידן מיר זיך ביידע —
טיילמאָל, פון מיין קרענק נעריזט,
האָסטו מיר מיט פרומע הענטלעך
די נעדערים מאַסאַזשירט!

איז אַ שווערע נאַכט געקומען,
האָסטו לעמפּלעך אָנגעצונדן
פון מיין חלב... און אויף קנייטלעך
מיינע אָדערן געשונדן...

אונזער פריינטשאַפט ווערט ציגנד שטאַרקער,
איך וועל אויך די קונץ שוין קענען;
איך ווער משוגענער פאַר דיר,
די געהירן—פיל איך—ברענען!

גאָט זאָגט:

די אומות העולם—זיי האָבן מזלות,
פאַר זיי זאָרג איך נאָך נישט א קריש!
איינער א כראַביע, דער צווייטער—א פריץ,
דער דריטער—געבוירן א סטריזש!

*

דעם צאָלט דאָס קריינדל און יענעם—די שליפעס,
דעם גיבן די גיטער צו פרעסן;
דעם וועט דער בעזים נישט קיינמאָל פאַרלאָזן.
כ'מעג אָן זיי אַלע פאַרגעסן!

*

כ'דאַרף אויף זיי קיינמאָל קיין אויג נישט צו וואַרפן,
און דאַרף גאָר נישט פרעגן, ווי ס'גייט'ן...
אויסער אַז איינעם עס טרעפט א שלימזל,
און—מען פאַרשיקט אים אין קייטן...

*

נאָר מיין בן־יחיד, מיין פאָלק ישראל,
דאָס איז אַן אייביגע נגע!
עס טוט מיר, כביכול, שוין באַנג דער הר־סיני,
וואָס האָט מיר געטויגט גאָר די פּגע?

*

דאַרף ער פּרנסה, אַ־האַ! קריעת ים סוף!
דאַרף ער אַ שידוך—גיי טראַכט!
מלמד־געלט דאַרף נאָר אַ שוסטער אַ ווייסטער,
וועקט ער מיך אויף האַלבער נאַכט!

*

און קאָן זיך אָן מיר נישט קיין יאַרמעלקע קויפן,
און אָן מיר נישט קיין בגד פאַרלאַטן.
מחילה, די פלודערן,—מאַכט זיך אַ שפּעלטל,
הויבט ער אָן טאַטען און מאַמען.

*

און עסט ניט, און טרינקט ניט, און פאַסט נאָר תעניתים.
און גאָרנישט, ער האָט נישט קיין מזל!
און לויבט מיך: „כי הנה לא ינום ולא יישן”...
לאָזט מיך דען שלאָפן, שלימזל?!

*

וואס פאר א מין חיה, זאג, ביזטו, ישראליק,
זע, זאג מיר, איך בעט דיך, אליין!
ווי לאנג איך באטראכט דיך, אלס מעטאמארפאזן,
א רעטעניש נישט צו פארשטיין!

*

אט זע איך דיך פליען, עס דאכט זיך—אן אדלער,
דו קריכסט שוין—צוריק ווי א קרעבס!
און זאר ווי א כארטל, און וועלפיש דיין הונגער,
און קומט א פגירה—א שעפס!

*

דריי טויזנט יאר שוין ביזטו מעלה־גרה,
אן אקס? און שוואך ווי א פליג!
א האז אינ׳ם לעבן, א פוקס אינ׳ם האנדל,
קומט מען דיך מעלקן—א ציג!

*

פון תנועות—אן אף, דו צאפלסט—א פישל!
באגראבן, דו לעבסט ווי א קרעט!
און ווי א הונט ביזטו דיין שלעגער געטריי
און פאלש ווי א קאץ ביי׳ן א גלעט!

*

געוואָרגן—א האָן און פילסט דיך א טכויר,
אין לײדסט ווי אן אײזל אין מיטן,
פלוצלונג — א קליאַטשע! באַקומסטו נאָך בײטשן,
קײן האָבער וויל קײנער נישט שיטן!

*

און—שמײל ווי א טײבל, מען הערט נישט דײן פּאַרע;
און דאָך האָב איך פון דיר געלעזן...
דו האָסט געהאַט אַמאָל באַק־צײן און ווײדל,
א לײב, זאָגט מען, ביזטו געוועזן!

דאָס געבעט פון שעפעלע

ניש אין שול און נישט אין קלויסטער
מענטשן פרום, כאָטש סאַנקילאָט,*)
קניט דאָס ווייסע פרומע שעפל,
גיסט דאָס הערצל אויס פאַר גאָט.

עס פאַרקרימט זיך מיט כונה,
טרערן קאַפּען צו צום „רימל" ;
שטעקט די פעדערשטע צוויי פיסלעך
גלייך אַרויף צום בלויעם הימל !

ס'ציטערן די ווייסע צויטן.
און איך הער זי וויינען, טענה'ן :
גאָטעניו... זאָל כאָטש א רגע
אויף מיין קאָפּ דיין חסד שיינען !

שענק מיר דיין גענאָד א רגע,
גיב מיר קראַפט אויף איין מינוט ;
לאָז מיך אויך אמאָל פאַרזוכן
שאָפּן־פלייש און שאָפּן־בלוט !

עס מוז זיין א זעלטן מאכל...
פאַרוואָס קומט עס פון דור־דורות
נאָר דער לייב, דעם גרויסן ווינער,
צי דעם בער, דעם אפיקורס ?

— — — — — — — — — — — — —

*) אָן קיין קליידער.

פון יחזקאל

.1

גאָט זאָגט מיר אַזוי צו זאָגן:
די „נביאים" וועל איך קלאָגן,
די שקרנים, די כזבנים,
מיט'ן אומפאַרשעמטן פּנים
און פאַרגלאָצטע אויגן!

*

פון'ם פינגער וועיל זיי נאָגן,
וועיל זיי טראַכטן אויס און זאָגן
אין מיין נאָמען נאָר דמיונות,
פּאַר מטבעות, פּאַר פּדיונות,
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן!

*

אויסגעטראַכט און אויסגעקלערט!
נישט געזען און נישט געהערט,
און געזאָגט וואָס גאָט באַשערט,
וואָס איך קלער און טראַכט...

*

נאָר געשפּינען, נאָר געוועבט!
נאָר געפּרעסן און געלעבט!
נישט קיין לאָך אין וואַנט פאַרקלעפּט,
נישט קיין צוים געמאַכט!

*

כלומרשט, איך האָב זיי געשיקט!
נאָר צו מיר ארויף געקוקט,
און פון ציבוק אויסגעפּיקט,
געשיט נאָר און געשיט!

*

איך האָב זייער צונג געשאַרפט,
דעם רעשט שכל צו באַטייבן!
ווייניג פרעסן בערן, לייבן,
האָב איך פוקסן נאָך באַדאַרפט?

*

ווייניג האָט מיין פאָלק געליטן,
דאַרפט איר נאָך זיין יאָך באַשווערן?
ווייניג בלוט נאָך, ווייניג טרערן?—
אויסגעריסן זאָלט איר ווערן

*

און פאַרטילינט און פאַרשניטן —
איר זאָלט מיר נישט זיין אין מיטן!
אייער נאָמען מעק איך אויס
פון מיין הייליג בוך ארויס!

.2

גאָט האָט מיר געזאָגט אזוי:
„צו די הירטן גיי און זאָג...
איי די מערדער, איי די הירטן,
עס וועט זיין צו זיי א קלאָג!"

*

איי די מערדער, איי די הירטן,
עס וועט קומען אייער שטראָף!
ווייל זיי האָבן זיך געפּאַשעט,
זיך געפּאַשעט, נישט די שאָף!

*

נאָר די בעסטע וואָל געטראָגן,
און דאָס פעטסטע פלייש געפרעסן;
נאָר אום זיך אַליין געקימערט;
אָן די שעפעלעך פארגעסן!...

*

נישט געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע,
און—נישט אויסגעהיילט קיין וואונד;
די פארוואונדעטע און די קראַנקע
נאָך געוואָרפן פאַר די הינט!

*

נישט געזוכט נאָר די פאַראירטע,
א פאַרבלאָנדזשעטע — פאַרפאַלן!
און געפירט זיי אין א מדבר
אָן א גרעזל, אָן א קוואַלן!

*

און געיאָגט זיי אויף די בערגער,
וואו א שטיין און וואו א דאָרן;
ווילדע טירע, חיות רעות
זיינען פון זיי זאַט געוואָרן!

*

און פאַר זיך אַליין געקוילעט,
זיך געפּאַשעט, נישט די שאָף...

אוי אייך שעפּער, ווײ אייך הירטן,
עס וועט קומען אייער שטראָף!

.3

אויך וועל איך א חשבון מאכן
מיט די שעפּסן, מיט די טריקעס,
מיט די איינגעדרייטע הערנער
און די שאַרפע ווי די פּיקעס!

*

וואו ס'איז נאָר געווען א פּאַשע,
אָנגעפּרעסן זיך גאָר מיאוס!
און די רעשט נאָך צו צעקנוידערט!
און צעטראָטן מיט די פיס!!!

*

וואו א פּאַשע איז געווען
האָט איר אייך געשווינד דערפרישט!
און די רעשט נאָך צו צעקליציס,
מיט דער בלאָטע אויסגעמישט.

*

און געלאָזט די אויסגעדאַרטע —
אויסגעטריקנטע פון ווייטן...
מיט די פיס אָװעקגעקאָפּעט,
אָפּגעשטויסן מיט די זייטן.

*

הערט, איר הירטן, הערט, איר טריקעס,
עס וועט קומען אייער טאָג!...

איך וועל מאַכן אייער חשבון,
עס וועט זיין צו אייך א קלאָג!

.4

און עס הויבט מיך אויף א ווינט...
פון דער הויך זע איך א טאָל,
פול מיט ביינער, און די ביינער
זיינען אויסגעדאַרט און נאָל!

*

נישט קיין פלייש און נישט קיין אָדער
ווי צעוואָרפן און פאַרפוילט!...
אויסגעמישטע טויטע ביינער!
ווי דער גרויער שימער גרוילט!

*

—„קען דאָס לעבן?" פרעגט א בת־קול,
און איך ענטפער: גאָט, דו ווייסט!
—„כאָטש זיי זיינען טויט, צעוואָרפן?"
אַלץ איז מעגלעך, ווען דו הייסט!

*

רופט דאָס בת־קול: זאָג די ביינער,
אז איך היים אזוי און וויל!
קלויבן זיך צונויף די ביינער,
און זיי ווערן זאפטיג פול!

*

צונויפגעקליבן און געשלאָסן!
שוין סקעלעטן אויסגעשטרעקט!

און מיט פלייש ארומגעוואקסן,
מיט א הויט שוין אויך באדעקט!

*

—„הייס, די ווינטן זאלן בלאזן!”
הייס איך בלאזן און איך זע:
ווי עס לעבן אויף סקעלעטן,
עס מארשירט שוין גאט'ס ארמיי!

פון יחזקאל

(קאפיטל ל״ג)

ס'שלייכט צו'ן א שטאָט ביינאַכט
די שווערד!
נאָר אויפ'ן טורעם דער וועכטער וואַכט—
ער הערט!

און בלאָזט טראָמפּייט
און שמעטערט מיט מאַכט,
עס ציטערט די נאַכט
דאָס פאָלק דערוואַכט — —
דער שונא גייט, דער שונא גייט:
און עס פּלאַקערט אויף די שלאַכט

אין הויף, אין גאַס
אויף מויער און וואַנט,
פאַר ווייב און קינד,
פאַר פאָלק און לאַנד!

פאַר רעכט, און פריי גייט אַלץ אין קאַן!

ווען זיגן וועט, דאָס ווייסט איין גאָט;
דער וועכטער האָט
דאָך זיינס געטאָן!
ער האָט זיין ערע נישט באַפלעקט,
ער האָט געוועקט!
ער האָט געדינט זיין פאָלק, זיין לאַנד!

נאָר ווי דעם וועכטער, שפּאָט און שאַנד,
וואָס האָט ביינאַכט
אַן אויג פאַרמאַכט
און דערוואַכט
ערשט אין דער בראַנד!

כסא שלמה

וואָס רוישט מיר אין מח,
וואָס זעצט ווי'ן א מיל?
שלמה המלך'ס
גאָלדענע שטול!

עס לאָזט מיך די שטול —
די גאָלדענע פּראַכט,
נישט רוען בייטאָג,
נישט שלאָפן ביינאַכט.

עס מאַכן מיך טויב
די גאָלדענע בערן;
עס מאַכן מיך בלינד
בריליאַנטן ווי שטערן;

עס רוישן די שפּאַרבער,
עס וואָרקען די טויבן;
עס בלענדט אַלעבאַסטער
און פּערל ווי טרויבן.

פייגל גינגאָלדענע
בלישטשען און פּראַנגען;
עס סאַפּען אויפיר'ענע
העקדישן, שלאַנגען;

עס רוישן די אָדלער
מיט גאָלדענע פליגל,
עס בלאַנקט די מנורה — —
א גאָלדענער שפּיגל...

און אָקסן און שטירן
בלעקן און וועקן ;
עס קאַפּעט דער בוימל
פון גאָלדענעם בעקן.

* *
*

אויך וועקן אין הארצן
א זעלטן געפיל
דריי פרויען־געשטאַלטן
פון איבער דער שטול —

און איך דערקען זיי
די פרויען־געשטאַלטן :—
אין צאָפּ אינ׳ם גרויען,
אין קאָפּ אינ׳ם אַלטן

דערקען איך ד׳אמונה,
אין דרייען געבויגן...
און פּייכטלעכע, גרינע,
פאַרגלעזערטע אויגן,

פאַרגלאָצטע צום הימל
מיט תפילות, כונות —

נאָר האַרט איז די שטימע!
קלינגט אָן רחמנות.

פון ברוין־דאַרע ליפּן
גאָר חרם, נאָר אסר;
און, ווי די דערנער
שטעכעדיג מוסר!

די חכמה דערקען איך
אָן ברייטלעכן שטערן,
געקרייזלטע לאָקן
אויף ד'אַקסל צעלאָזט;

אויגן בריליאַנטן
לייכטן ווי שטערן,
לייכטן דאָך רואיג
און קאַלט ווי דער פראָסט!

און שטענדיג דורך בריל...
א וואָג אין דער האַנט;
אַלץ וואָלט זי געוואויגן:
דעם מעך אויף דער וואַנט,

די שטערן אין הימל,
דאָס קליינוואַרג אין טייך:
אַלץ דאַרף זי וויסן,
און אַלץ איז איר גלייך!

עס שטייט נאָך די אמת...
פון קאָפּ ביז די פיס

פארהילט אין א שלייער!
ווייל שרעקלעך און מיאום

איז נאַקעטער אמת!
מען האָט זי פארשטעלט;
ווער עס דערזעט זי,
גייט פון דער וועלט!...

* *

*

עס שמעקט און עס רוישט,
עס בלאַנקט און עס בליצט,
ליידער, נישט שלמה,
נאָר אשמדאי זיצט

אויף כסא בן דוד!
בן לילית רעגירט!
דאָס פנים, דאָס שוואַרצע,
ראַזירט, בלאַנשירט;

אין כתר מלכות
די הערנער פארשטעקט...
די הינערשע פיסלעך
מיט פורפור פאַרדעקט.

און טרעפט אַלע חדות
פון גוים און אידן...
און שטעלט אַ־לאַ־שלמה
די ווייבער צופרידן,

און שניידט אַמאָל קינדער,
לעבעדיג צו טויט;
עס העלפן די חיות
ארויס פון א נויט!

און שלמה! דער וואַנדערט
פאַרהונגערט, פאַרשמאַכט,
שרייט „אני שלמה"‚—
ווער גלויבט אים? מען לאַכט!

„ווער דען איז דאָרט קעניג?"
מען ווייסט דאָך, מען הערט!
ווער ברענגט פון מצרים
זיך ווייבער און פערד?

ווער האָט די מלכה
פון שבא־לאַנד באַגליקט?
מען קרעכצט אויפ'ן: נעבעך,
דער מענטש איז פאַררירקט!

*   *
*

עס שמעקט און עס רוישט,
עס בלאַנקט און עס בלענדט:
ס'האָט קיינער דעם שד
אויפ'ן טראָן נישט דערקענט.

אמונה—די קלערט נישט,
עס פסק'עט די צנועה
מלכותא דארעא
כמלכותא דרקיעא...

און שטיל זיך גע׳פּועל׳ט
דערווייל א פּריקאַז:
פאַר אומגעוואַשן
כאַטש שמייסן אין נאַס;

אפּיקורסים הענגען;
און וואַרפן אין טייך
פאַר שניידן די נעגל
אָן עדות און גלייך...

* *
*

פיין איז דער רויזנאַויל,—
פּיזעם איז נאָבל,—
ס׳שטינקט דאָך אין פּאַלאַץ
ס׳גיהנום ווי קנאָבל...

די חכמה דערפילט עס
און רעדט נישט א וואָרט!
פאַרבייסט זי די ליפּן
און שטייט אויף איר אָרט:

צי האָבן דען אַלע
פינף חושים קיין טעות,
זי זאָל זיך פאַרלאָזן
אַליין אויף דער נאָז?

מען פילט, עס איז אמת,
נו, ס׳טרעפט זיך ביי לייט...
קוים, קוים זי רוקט זיך
אָפּ אין א זייט

און נעמט א שמעק טאַבאַק;
באַרואיגט זיך באַלד...
א נאַרישע אמת
דערפילט און—געוואַלד!

אויף כסא בן דוד
א פרעמדער פאַרשוין,
ציט אָפּ דעם מאַנטל,
רייסט אָפּ די קרוין!

ווערט אשמדאי צאָרנדיג,
ווערט אשמדאי שרעקלעך!
און נענעראַלן,
כהנים מיט גלעקלעך

מיט בלוט פון קרבנות
און חלב פאַרפּעצט,
א צענדליג סריסים —
די האָט ער געזעצט

צו משפּט'ן אמת...
עס שווייגט דער „נאַראָד"!
פיינט האָט מען אמת,—
און ווייט איז צו גאָט;

נאָר סוחרים און שענקער
שרייען: פאַרברענען,
עס בעטן זיך ווייבער:
כאָטש אָדערן טרענען!

**
*

מען ווייסט, אַז אָן רחמים
ווערט אויסגיין א פסק.
האָט שוין ד'אמונה
א טרער אויף דער באַק.

דאָך קיינמאָל אנטקעגן
דעם מלכות געשטעלט:
אלמלא מוראה...
הפקר א וועלט!

און וואַרפט איין עין־הרע—
א בליק צו דער זייט,
ווייסט שוין די חכמה,
וואָס ס'איינגל באַדייט.

און זעט ווי'ן א שפיגל
די אַלערליי סחורות,
מיט וואָס זי ווער האנדלען
עד סוף כל הדורות...

זי זעט אינ'ם איינגל
אָט ווידלעס צו פלייש,
הבדלות—צו בורא
מאורי האש;

צוואַנגען צו נעגל
און מעסער צו בריסטן,
און קנאַקער צו ביינער —
ס'טאָר זיך נישט גליסטן!

און בלייבט פאַרשטיינערט,
קיין תנועה, קיין קלאַנג...
עס האָט זי פאַר'כשופט
די גיפטיגע שלאַנג!

* *
*

און ס'רעשט זיך אין ציון,
עס יאָגן זיך מאַסן,
מען לויפט אויפ'ן וואונדער,
מען פויקט אין די גאַסן;

קאַסטרווי טרייבט מען אמת,
עס קנאַקט און עס קנאַלט...
די אמת, געשמיסן,
אנטלויפט אין א וואַלד;

דאָרט האָט זי געטראָפן
א לייב צי א בער...
זאָגט נאָך איר קדיש,
זי לעבט שוין נישט מער!

דעם לייב׳ס לויה

(א הספד אויף אַלע צדיקים)

די וואַלד־אידייע די טראָגט דער לייב
ערהאבן, שטאָלץ און איידל!
ער פרעדיגט זי מיט לייבן־קול
און בראָניעט מיט׳ן וויידל.

פרעגט די שאָף אויף זיינע ציין,
ער האָט זיי נישט געקארגט.
און ביי אייזל, אָקס און קו
די וואַלד־אידייע געשטארקט...

די וואַלד־אידייע די טראָגט דער לייב,
איידל, שטאָלץ און פעסט;
חיות׳ם הערצער שלאָגן היים
אין די גרעסטע פרעסט!

עס ציט זיך, ציט די וואַלד־אידייע
יאָרן נאָר א מענגע
דורך דער וואַלד־געשיכטע דורך,
ווי א רויטע סטענגע!

ציט זיך איבער טאָל און באַרג
און פאַרבט מיט איר קאָליר
ס'גרינע גראָז, דעם ווייסן שניי,
טייכן אָן א שיעור!

***

א בת־קול פליט אַדורך דעם וואַלד,
עס בלאָזט ווי פון א האָרן:
„דער לייב איז קראַנק!" עס גיט א שטאָך
די חיות ווי א דאָרן.

א תרועה פליט אַדורך דעם וואַלד:
„עס העלפט קיין גוטער איד!
מען האָט אים פּיזעם שוין נעגע'ן,
און דער אַלטער ציט —

אוי, ער ציט אַרויס פון וואַלד
צום טאַטן און צום זיידן!
אוי, ער האָט זיך שוין פאַרבענקט
צום ליכטיגן גן־עדן!"

***

ס'פליען שברים דורך דעם וואַלד,
א האָרן נאָך א האָרן,
און יעדער קלאַנג, יעדעם קול
שטעכט—א שאַרפער דאָרן!

ביי די חיות שטאַרט דאָס בלוט,
און דער זאַפט—ביי ביימער,
אין בערלאָגע ניסט דער בער
טרערן גאַנצע עמער.

א שאַקאַליש וואָיען יאָגט
פון צפון ביז קיין דרום,
און די צנועות—די היענעס
רייסן איין די קברים —

***

פלוצלונג, טס! פאַרשטומט דער וואַלד!
הערט זיך איין אין שטילן:
וידוי זאָגן דאַרף דער לייב,
עס הויבט שוין אָן צו ברילן!

און ער ברילט די וידוי אויס
מיט יאָמערלעך געוויין,
און קלאַפּט על חטא; אין אַלטן בויך
קלינגען שטיין און ביין!

גראָבע, פרומע טרערן פאַלן
אויף די אַלטע בעק,
אויפ׳ן מעבר־יבוק ווערט
פון איטלעכער א פלעק!

ביימער שאָקלען מיט די קעפּ,
טרויעריג רוישט דער וואַלד...
און דער פרומער אַלטער לייב
גוססט אַפּ און — — פאַלט!

**
*

יאָמער קלאָגן אַלע ביימער:
דעם זכות ווער וועט האָבן,
פון זיך אַן אָרון׳דל צו געןן,
דעם צדיק צו באַגראָבן?

ס׳הויבט זיך אויף פון וואַלד די קלאָג
פייערדיג און פלאַם,
וועקט אין מדבר אויף דאָס זאַמד,
פעלזן ביי דעם ים!

און עס הויבט זיך אויף דאָס זאַמד,
יאָגט פון אַלע עקן
פון דער וועלט אין וואַלד אַריין,
דעם צדיק צו באַדעקן.

און די עלטסטע פעלזן קרעכצן:
אוי, ווער וועט דערלעבן
און פון זיך דעם אַלטן צדיק
א מצבה געבן?

*
**

און דעם יאָמער, דאַכט זיך, טראָגן
רוחות אָדער כשוף,
איבער וועלדער, סטעפּעס, ימים,
און דערגרייכט צום ישוב.

א געפּלאַצעריי אויף קוימען,
ס׳ווערן טעפּ צעפלויגן,

ז'ווילן אַלע גע'ן דעם צדיק
שאַרבאַנעס צו ד'אויגן.

און פון פלאַקס אויף אַלע פעלדער
פליט צו גאָט וכוחים:
פאַרוואָס קומט זיי נישט די זכיה
אים צו גע'ן תכריכים?

ברזאָזעס זיפצן, דעמבעס קרעכצן,
אַז עס פּלאַצט די קאָרע,
אין די ווינטן, דאַכט זיך, וואַיען
הינט א גאַנצע סוואָרע...

אויבן ציען שווערע וואָלקן,
דאַרטן צווישן זיי
שווימען „אחרי־מות־קדושים"—
חיות אַלערליי...

אַלטע דורות, פרומע דורות
בלייערן און בלייך...
און עס טריפן זיי'רע שווערע
טרערן פון דער הויך;

און זיי פאַלן אויף דער מטה,
און עס קלינגען פּישקעס...
און א פּיקסל זאָגט א הספד,
אַז עס שניידט די קישקעס...

ער און זי

(אַן אַלטע שפּאַנישע פאַבל)

עס איזט איינע אַלטע געשיכטע,
אונד בלייבט דאָך אימער ניי...
(היינע).

מאי—נאָר ער איז אין טאָלעדאָ געוועזן,
און דאָרט איז נישט היימלעך די נאכט...
עס ציטערט דער הימל; לבנה און שטערן
שווימען דערשראָקן, פארשמאכט—

מאי—נאָר ער איז אין טאָלעדאָ געוועזן
וואו פרעכע מאַרמאָרנע ריזן
שטעכן מיט חוצפּה דעם הימל דעם בלאָען
מיט נאָלדענע, קרייציגע שפּיזן —

מאי—נאָר עס זינגען קיין פייגל, עס ווערן
נאָר קירכע־געזאַנגען געהערט,
געמישטע מיט קרעכצן, געשרייען און שלוכצן,
עס דאכט זיך—פון אונטער דער ערד!

מאי—נאָר עס סוד'ען זיך דאָ נישט קיין בלומען,
די גלאָקן, זיי מאַכן זיי טויב !...
עס טראָגט דער זעפיר נאָר אַש פון נשרפים,
פון אויטאָ־דע־פעען דעם שטויב !

עס שטעכן די שפּיזן, עס קלינגען די גלאָקן,
די קירכע־געזאַנגען—זיי וועקן
פאַר'כשופ'טע הייזער, סטאַטועון, פּאַלאַצן,
—עס דאַכט זיך—מיט בלוטיגע פלעקן !

דאָך אונטער טאָלעדאָ דאָרט ליגט אַ גן־עדן
מיט בליטן, און בלומען, און בלעטער—
און דאָרט אין גן־עדן,—עס דאַכט זיך—רעגירן
פיל בעסערע, מילדערע געטער...

מאַי—און ער איז אין גן־עדן געוועזן,
אַ וואַרימע ליכטיגע נאַכט !
ווי אין אַ ים אינ'ם הימל אין בלאָען
שווימט די לבנה פאַרטראַכט !

עס בלאַנקען די פּריילעכע, לוסטיגע שטערן,
אין גאָרטן איז פריש אַלץ און גרין ;
עס בלאָזט זיך אַ שטילינקע ווינטל און טראָגט
די דופטן פון בעז און יאַשמין ;

זים ערגעץ טרילערט אַ פויגל פון ווייטן,
און גיסט אויס זיין האַרץ אינ'ם ליד
פון בענקען און טריישאַפט, פון ליבע און גלויבן,
און טרילערט, און ווערט גאָר נישט מיד.

עס טרילערט דער פויגל, עס סוד'ען זיך בלומען,
באַגאָסן מיט הימלישע טרערן...
מאַי אין גן־עדן!—און „ער" און „זי" זיצן
פאַר'כשופ'ט, פאַר'חלומ'ט און הערן.

עס וועקט אים איר טרוימהאַפטע שטימע:—„אָ דיכטער,
פאַרצייל מיר פון דיינע מאַטיוון!"
דער דיכטער דערוואַכט ווי פון חלום און ציטערט,
ענטפערט אין שטיל: „איך וועל פּרואוון"...

—„טייל גרויסע—פאַרציילט ער—קושט גאָט
ביים שטאַרבן,
די אויגן—זיי ווערן דערפילט
מיט נחת מיט שטילן, מיט ליכט פון גן־עדן,
די שמערצן—אין גאַנצן געשטילט.

דעם גאַל־טראָפּן לאָזט דער מלאך־המות,
דעם טראָפּן, דעם מוזן זיי ניפּן!
גאָט'ס קוש איז דאָך זיס, און עס ווערט פונ'ם טראָפּן
נאָר האָניג אויף זייערע ליפּן.

מיין העלד פון דער פאַבל איז גרעסער געוועזן,
פריער נאָך האָט גאָט אים באַגליקט,
און זיין נשמה געקושט נאָך אין—אוצר,
ווען ר'האָט אויף דער ערד זי געשיקט"...

„צווישן די גרויסע געוויילטע
איז ער געשטאַנען גאַנץ הויך:
פון גאָט'ס קוש איז הייליג געוואָרן
יעדער געדאַנקען אין מח!

פון גאָט׳ס קוש איז הייליג געוואָרן;
יעדעס געפיל אין דער ברוסט;
יעדערער לעזט אויף זיין שטערן:
נאָט אליין האָט אים געקושט.

אים שפּאלט זיך דער הימל אין ד׳אויגן
זיין יעדעס וואָרט איז א ליד — —
—„הערסט, ווי די נאכטיגאל טרילערט,
און טרילערט, און ווערט גאָר נ׳שט מיד...

עס קען זיין, אז זי איז זיין גלגול...
מיט אים איז גאָר זעלטן געשען—

ער האָט דאָס גיהנום—טאָלעדאָ,
ער האָט הישפּאניען געזען!

— — — — — — — — — — — — —

הישפּאניען זעט אוים ווי א שלאכט־הויז...
ער זעט זיינע ברידער, ווי שאָף;
שטרעקן דעם האלז אוים צום מעסער,
לויפן אנטקעגן דער שטראָף!

פארדארט און פארברענט זיינען ליפּן,
פּנים׳ער—בלאסער פאר קרייד,
און גוסען און שטאמלען נאָר ווידוי,
און שטארבן פאר שרעק פאר דער צייט.

טייל קושן דאָס מעסער ביים שטארבן,
טייל דאנקען נאָך גאָט פאר דער שטראָף—
ער זעט זיינע ברידער פארלוירן,
פאר׳כשופ׳ט אין לעמער, אין שאָף!

הארץ־בלוט פאַרגיסט זיי די אויגן,
שכור און דול פון דער נויט;
און אַך! אויף די פינצטערע שטערן
הענגט זיי אָן אויפשריפט: „צום טויט!"

— — — — — — — — — — — — —

פינצטער קוקט ער אויף די זייטן—
קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון,
קיין דרום—ער הערט נאָר א כראַפּען,
א כראַפּען,—טייל גוס'ען, טייל שלאָפן!

— — — — — — — — — — — — —

און ווי היינט איז זיך געשטאַנען
א וואַרימע ליכטיגע נאַכט.
מאַי—אין א ים, אין א בלאָען,
שווימט די לבנה פאַרטראַכט.

עס בלאַנקען די לוסטיגע שטערן,
זיי בלישטשען און ווערן נישט מיד.
און זעפיר מיט בעז און יאַשמינען...
די נאַכטיגאַל טרילערט איר ליד...

— — — — — — — — — — — — —

דאָס בילד האָט געמוזט אים אויף אייביג
דאָס בלוט אין די אָדערן סמ'ען,
פאַריאָגן די גאָלדענע טרוימען,
אָנצינדן בלוטיגע פלאַמען...

פאַרווישט שוין גאָט'ס קוש פון די ליפּן,
עס ברענט שוין א קללה אויף זיי,

פייער און פלאם איז זיין קללה—
עם הערט זיך זיין ווילדער געשריי:

„פראָטעסט געגן שאָף, געגן לעמער פראָטעסט,
וואָס זאָגן נאָך וידוי, וואָס קניען...
פראָטעסט געגן גוס׳ען און שטארבן פאר שרעק,
פראָטעסט געגן שלעפער, וואָס רוען״.

„פון בליץ פונ׳ם חלף דערוואכן זיי ערשט,
אום באלד צו פארגיין אינ׳ם בלוט...
פראָטעסט געגן הימל, וואָס בלאנקט אזוי בלאָ
און שמייכלט אנטקעגן דער רוט!״

פראָטעסט אויך דער ערד! וואָס זאפט זי דאָס בלוט?
און ער דאָרט—וואָס מאכט ער א שווייג?!
דער פויגל פארשאָלטן, וואָס זינגט ער זיין ליד,
זיין ליבעס-ליד אויף דער צווייג?!״

— — — — — — — — — — — — —

און גאָט׳ס קוש האָט גאָר נישט געהאָלפן;
פארשוואונדן חלומות און גליק,
עם ברענט אינ׳ם מח נקמה,
גיפטיגע מעסער—אין בליק.

פאר׳סמ׳ט איז זיין בלוט אין די אָדערן,
פארשאָלטן דאָס לעבן, די וועלט—
פארשאָלטן דער אָרימער פויגל,—
ער לויפט אין די גאסן און שעלט!

———

און וואו ער קומט, זידן-אויף הערצער,
דער כשוף—פארשוואונדן, פארווישט — —

מען הערט שוין די וידוי פון מענטשן
מיט קללות, חרמות געמישט.

עס הויבן זיך הענט אויף און דראָען,
אַליין ווייטער לויפט ער און וועקט...
די האָר צעפלויגן ווי שלאַנגען,
פון בלוט זיינע קליידער געפלעקט,

פון האַרץ מיט אַ בלוטיגער ראַנע,
טריפט און עס צייכנט זיין וועג,
און וואו נאָר עס דונערט זיין שטימע,
שגיידט אין די הערצער אַ זעג.

עס זעגט אין די הערצער זיין שטימע,
אַ בלוט־רויטע פאָן אין דער האַנט...
עס ציטערט טאָלעדאָ, הישפּאַניען!
נאָר לײדער —
—„דער סוף איז באַקענט",

ענטפערט זי טרוימעריש טרויעריג,
„עס קלינגען מיר קייטן אין ד'אויערן...
אויפשליסן—הער איך—פאַרשליסן — —
עס סקריפּען די אײזערנע טויערן..."

ער ענטפערט איר פינצטער: „נאָך ערגער"
—„וואו וועסטו דיין העלד נאָך פאַרפירן?"
זי כאַפּט אים די האַנט אָן דערשראָקן:
„צי וועסטו אים לאָזן מאַרטירן?"

„דו לאָזסט אים פאַרברענען?"
—„נאָך ערגער".

—„נאָך ערגער? וואָס קאָנסטו דען מער?"
א שמייכל פארקרימט זיינע ליפּן:
פיל ערגער, נו הער!

—„וואָס העכער דער מענטש איז ביי גאָט—
מער מישט זיך דער טייפל אריין;
קומט אויף זיין וועג אָן געפלויגן
פון וויטן א צויבער־רידוואַן.

געשפּאנט איז דער וואָגן מיט מענטשן,
מיט מענטשן פאר'כשופ'ט אין פערד;
זיי פליען און שפּריצן מיט פייער,
און—רירן קוים ליכט אָן די ערד...

אין וואָגן דאָרט זיצט א מכשפה,
מיט א שפּיצרוט אין דער האנט,
ליליען־בלאַס איז איר פּנים,
נאָר אין די אויגן די בראנד!

אך, טיף ווי ס'גיהנום די אויגן,
און אין זיי גן־עדן — א תהום...
זיי שפּריצן מיט שטראַלן, און זעלן
זאַפּן זיי איין ווי א שוואָם...

און ליפּן, אך, האָט זי—צוויי רויזן,
האַלב אָפּן, אָט־אָט—דאַכט זיך—פליט
פון זיי אויס די הייליגסטע פּאָרמעל,
א צוזאָג, א מאַגנעט, וואָס ציט

מיט צוואַנגען אויס האַרץ און געדערים;
און קושן, וואָס גיפטן, פאַר׳סמ׳ען
דאָס בלוט אין די אָדערן, גיסן
אין האַרץ אַריין פינצטערע פלאַמען...

— — — — — — — — — — — — —

„און „ער" איז געבליבן פאַרשטיינערט,
פאַרוואונדערט אויך קוקט אויף אים „זי",
און שטיין איז דער רידוואָן געבליבן;
און ער איז געפאַלן אויף די קני!"

ער שווייגט און זי מאָנט זיך די רעשט —
ער זאָגט איר: דער סוף איז באַקאַנט,
פאַר׳כשופ׳ט אויף אייביג, מיין העלד,
ער פליט שוין אין רידוואָן געשפּאַנט!

ער פליט שוין און שליידערט מיט פונקען,
גלייך אַלע באַצויבערטע פערד —
און שטיל שוין און אויס פּראָטעסטירן — —
שטיל שוין אויף הימל און ערד!

פון וויטן נאָך רוישן די רעדער,
פערד אַמאָל הערט מען נאָך סאַפּען,
שטיל מערב און מזרח, און צפון,
און דרום—מען הערט נאָר א כראַפּען.

טויט שלאָפן, טויט גוס׳ען, טויט שטאַרבן,
טויט לויפן אנטקעגן דעם שטראָף,
עס שטרעקן שוין ווייטער די העלזער
די מענטשן, פאַר׳כשופ׳ט אין שאָף;

מען ברענט און מען קוילעט, נאָר שטילער
און אַך—ווי א שוואַם איז די ערד!
דאָס בלוט, וואָס וויל זידן און קאָכן,
זאַפּט עס פון אונטער דער שווערד...

און שטיל איז דער הימל דער בלאָער —
עס בלאַנקען לבנה און שטערן,
בעז און יאַשמין אינ'ם ווינטל,
דער פויגל לאָזט ווייטער זיך הערן...

—„שויערינ—זאָגט זי—אין דיין פאַבל!...
עס ווייזט זיך א פינצטערע פלאַם
אין זיינע אויגן. ער זאָגט איר:
„עס איז נישט קיין פאַבל, מאדאם..."

„פאַר מיינע אויגן—טאָלעדאָ!
דאָך שוואַך איז די דיכטער־נאַטור!
און רעדנדיג פיל איך ווי ס'רוקן
פון קאָפּ מיר אויף ד'אַקסל די האָר..."

„און שטייף ווערט די הויט מיר גאָר זעלטן!
איך פיל מיך גאַנץ פערדיש, מאדאם!
און סאַפּע און לויף איבער וועלטן...
מיר דאַכט זיך אזוי, מן הסתם!"

ער און זי

ווען ער איז געוועזן אין גוטן הומאָר,
(עס האָט זיך שוין לאַנג נישט פּאַסירט;
אַלץ דורכ'ן חורבן... און אפשר—ווער ווייסט?
ווי אַלע פון וועלט־שמערץ גערירט!)

נאָר ווען ר'איז געוועזן אין גוטן הומאָר,
האָט ער, כביכול, געלאַכט;
און ,שפּילנדיג, נייע נשמות'לעך צוויי
פון הימלישן זעפיר געמאַכט!

איינע—פול שיינהייט, פול איידלמוט, גוטע...
מיט זיסע חלומות באַשיט;
די צווייטע—פון אמת, פון יושר און משפט...
באַקוקט און געשמייכלט: ס'אי'גיט!

און נעמט זיי און וואַרפט זיי אַריין אין אַ זעקל,
וואו אַלע נשמה'לעך ליגן;
„זיי וועלן דאָרט אונטן זיך זוכן, געפינען"—
—שמייכלט ער מיט פאַרגעניגן—

„און קוים וועט די וואַרימע זון אויף זיי שיינען",
וועט פון זיי ווערן שוין לייט!"
ער נעמט און צעמישט די נשמות אין זעקל,
און וואַרפט עס אוועק אין אַ זייט.

דאָס וואַרפט ער פאַר כעס,—געקומען מלאכים
אוּן בוקן זיך, בויגן און שפּרינגען...
און „קדוש", און „קדוש", און נאָכאַמאָל „קדוש",—
ווייטער דאָס אייביגע זינגען.

און ווען ער פאַרציט דאָרט אין הימל די ברעמען...
נו, פירט דאָ דער טייוול די וועלט;
אים האָט ער אין מזרח געוויזן זיין שטערן,
אירן אין מערב געשטעלט!

ער האָט זיי פאַרשיידענע וועגן געוויזן,
און וואָס אמאָל ווייטער פאַרפירט
אין אייביגן זוכן און בענקען און קרענקען...
אזוי האָט דער טייוול רעגירט!

דערנאָך ערשט אין הערבסט, ווען אָן בלומען, אָן זון,
איז קוויטיג פאַרגאָסן די וועלט,
האָט ער זיי ביידע צוזאַמענגעפירט,
אין זומפּ אריין ביידע געשטעלט!

זיי האָבן זיך ביידע שוין גאָר נישט דערקענט,
גערעדט שוין גאָר אנדערע שפּראַכן!
צוגאַנגען, אפילו די הענט נישט דערלאַנגט;
דער טייוול, דער פּלאַצט שיר פאַר לאַכן!

פרילינג

דו זעסט, די ערד האָט זיך באַפרייט
פון שלאָף — פון פראָסט און שניי!
דו זעסט, די ערד האָט זיך באַנייט
און לעבט און אָטעמט פריי;

ווי מיט דער שטאַר־פאַרהאַסטער פעל
האָט לייכט געמאַכט אַן עק
דע בלאָער טייך! און אויף דער שטעל
טרייבט ער שוין זיין וועג!

אָפּגעשאָקלט האָט דער וואַלד
דעם שניי און בליט, און שפּראָצט,
און אויך דאָס שוואַכסטע גרעזל שפּאַלט
זיין „אונטער דר'ערד" און גלאָצט,

און זוכט די זון, די פרייע וועלט,
און ציט און זויגט זיין גליק!
און הערסט ווי איבער בערג און פעלד — —
„ציריק! — ציריק! — ציריק! —"

„ציריק — איך לעב, איך שטרעב, איך וויל...
„איך שלאָף שוין נישט, אָ, ניין!"...
נאָר מיין פאָלק איז פויל און שטיל,
נישט נעוועקט נאָך, ניין!

אַמאָל

אַמאָל,
אין א גאָלד־באַפלאַסענעם טאָג,
מיט גאָלדענער יוגנט באַשטראַלט,
האָב איך דעם בוים געפלאַנצט.
און אין זיין קארגן שאָטן
זיץ איך גאַנץ איינזאַם אַצינד,
אונטער דער איינענער לאַסט געבוינגן,
פון בלייערן ־ שווערע געדאַנקען געדריקט...

ער בליט...
ווער האָט מיינע בליטן־חלומות געריסן?
מיינע בליטן־חלומות צעשטרייט אויפ'ן ווינט,
און אויסגעגאָגט מיין הארצן־זאַפט מיט דורשטיגע ליפּן?!

ער בליט...
פון הינטן—הינטער מיר פארנעם איך טריט
רווישן פייגל אין דער לופט
אָדער—דיין מאנטל, ליבסטע?!

עמיץ גענענט זיך שטיל,
נעמט מיר דעם קאָפּ ארום פון הינטן.
צוויי קאַלטע הענט פארשטעלן און דריקן מיר די אויגן צו...
— איך בין דער טויט!

איך גיי אצינד, נאָר פאַרביי,
איך וועל קומען צוריק.
פאַרזיגלען וויל איך דעם קוואַל, פון וועלכן דו טרינקסט,
פאַרלעשן די פאַרבן פון וואַלד און פעלד,
פון זאַנג און בלום, אויף וועלכע דו קוקסט,
און פון הימל און שטערן,
און פון אויג, און געזיכט...
און די פרוכט פון בוים דיר פאַרגיפטן — — — —

— ווי קאַלט זיינען דיינע הענט, טויט,
ווי פראָסטיג דיין אָטעם איז,—
מיט מיר טו זיין ווילן
נאָר לאָז צורו מיין בוים...

יוכבד

איך שטיי ביי דיין וויגל,
איך שטיי און איך קלער...
אויף דיין בלאס פנים
טריפט מיין טרער.

מיין ביטערע טרער...
קינד מיינס, דו נייגסט
צו מיר צו דיין קעפל;
[illegible]ר חלומ'ט—דו זווינסט...

נאָר זאָג מיר, מיין קינד,
וואָס זווינסטו ביי מיר;
וואָס שטעקט אין דער מילך,
וואָס האָסטו פון איר?

זווינסטו מיט'ן גיפט,
וואָס אין דער מילך פליסט?
זווינסטו מיט'ן סם?
צי דיין מאמע גיסט

נאָר מילך פון דער ברוסט,
צי פיאָלון פון קוואַל ?
צעגייט אין דיינע ליפּעלעך
דאָס ביטערקייט, די גאַל ?

איבער דיין וויגעלע
שטיי איך איינגעבויגן ;
שטראַלן שוואַרצע, פינצטערע
שיטן מיינע אויגן.

ראָזיג־דין דיין הייטעלע—
זיי דרינגען דורך די הויט...
קינד, זאָג, וואָס וועט זיין פון דיר...
איך שרעק מיך, אַך, מיך גרוילט...

וואָס שלאָפט דאָרט אין דיין מוח׳עלע ?
ווייסטו, ווער דו ביזט ?
ביי דער אַרבעט שטייען מיר...
דרייסט אוועק פון בריסט

דיין קעפּל צו דיין טאַטן דאָרט,
וואָס שטייט אונטער דער רוט
נאַקעט, פון דער זון פאַרברענט,
באַפלעקט פון אייגן בלוט...

איבער זיינע אַקסל פייפט,
סוויסטשעט ווי אַ שלאַנג...
און די פּרענגעס פון דער בייטש
שטייען לאַנג, אַ, לאַנג !

דרייסט אוועק דעם קאָפּ פאַר שרעק,
צוריק שוין ביי דער ברוסט...
זויגסטו אוים פון איר דעם סם?
ווייסטו, ווער דו ביזט?

און אז פּרעה׳ס טאָכטער גלעט,
לאַכסטו מן הסתם!
פּרעה׳ס טאָכטער איז דיין מאַמע
און איך—בין דיין אם?

איך זויג דיך מיט מיין בלוט, מיין קינד,
זויג דיך טעג און נעכט...
צי זויג איך אוים א פּרייען מענטש,
צי זויג איך אוים א קנעכט?

וועל איך צו די טויזנטער
נאָך א קנעכט דערציען?
וועסט פאַר פּרעה׳ס נעטער נאָך
און פאַר פּרעה׳ן קניען?

אונז וועט טרעטן פּרעה׳ס פוס,
לעקן — דו זיין שטויב?
ניין! זאָל בעסער זיין דיין לייב
ווילדע פייגל׳ס רויב!

איך וויל אליין דערשטיקן דיך!
וואַרפן אין דעם ניל!
שלינגען זאָל דיך בעסער איין
דאָרט די קראָקאָדיל!

און אפשר דריקט די קנעכטשאפט שוין
די שמאך אין דיינע אויערן ;
קייטן קלינגען הערסטו שוין —
ביזט אין זיי געבוירן !

אפשר זאמלען זיך שוין היינט
אין הארץ ביי דיר די קוואלן,
און עס דרינגען דורך דיין הויט
די פינצטער־שווארצע שטראלן ?

אפשר פילסטו דאס געיאמער,
וואס פארפילט די לופט...
און באהאלטסט ביי דיר אין הערצל
אלע טראפן גיפט...

און דו פילסט שוין !... מיינע לידער
האלטן זיך באנאנד
מיט'ן סוויטשעס פון די בייטשן
אין דעם מצרי'ם האנט...

און עס מישט זיך אלץ צוזאמען,
אלצדינג אין דיין מח...
און דו וועסט א העלד אויסוואקסן,
דו וועסט קריגן כח...

און דו וועסט די יאך צעברעכן...
און באפרייען ברידער...

— — — — — — — — — — — — —

סם איז, קינד מיינס, אין מיין מילעך,
סם אין מיינע לידער...

שול־קאַלינע

פינצטער איז אין אונזער גושן,
פינצטער, ווי אין אָרון־קודש...
דורך די הויכע שינדל־דעכער.
איינער געה'ר צום פרנס־חודש,

און דער צווייטער צום בעל־טאַקסע;
דעם בעל־טובה'ס שטייט נאָך העכער.
פון פראָצענטער און מסירות
וואַקסן ריזיג הויכע דעכער,

אויך פון קמיעות און פדיונות...
ליכטלעך ציען קליינע קינדער,
און עס וואַקסט ביים זייפנזידער
אויך א דעכל, נאָר א ווינדער!

און אין מיטן, איינגעהויקערט
(טויזנט־יעריג איז דער גאַרב!),
אָנגעשפאַרט, ווי אויף א קריקע,
אויף א קרומען גרינעם שקאַרפּ,

שטייט ווי אין א שרעק פאַרגליווערט
ד'אַלטע, דורכגענעצטע קלויז;

און פון שקאַרפּ, וואָס האַלט זי אונטער,
וואַקסט א קאַלינע אַרויס...

צווישן ריזיג־הויכע דעכער
וואַקסט זי פינצטער און באַהאַלטן;
ציט פון אַלטן שקאַרפּ חיונה,
אַלטע שטיינער מוז זי שפּאַלטן!

און עס קרענקט דאָס שוואַכע ביימל,
שטענדיג אויסגעדאַרט און בלייך...
מיטאָג... תמוז! און עס בעטלט
קוים א שטראַל אויס פון דער הויך!

קוים א שוואַכע שטראַל, א מאַטע,—
אַך, עס פרירט אַזוי דאָס בליט!
ווען די גרויסע שינדל־דעכער
גלאַנצן, ווי מיט גאָלד באַשיט!

— — — — — — — — — — — — — —

ווי א גייער אויף א טייבל—
פּלוצלונג שיסט אַראָפּ די נאַכט
אויפ'ן אָרים ענגן גושן—
און די קאַלינע פאַרשמאַכט!

הויבט זיך מיט די לעצטע קרעפטן
צו דעם הימל אויף, און בעט
נאָך א שטראַל, נאָך איין סעקונדע
וואַרים ליכט!—אַך, שוין צו שפּעט!

ווערט שוין פול די קלויז מיט מתים
און זיי „דאַווענען" און „ליינען"...

פול תכריכים, פול סקעלעטן —
און זיי שאָקלען זיך און וויינען...

אַלטע בכיות, אַלטע תפילות,
ס'אַלטע ברעכן זיך די הענט...
און דער פוילער מתים־אָטעם
שלאָגט אַדורך די נאַסע ווענט —

און צעשפּרייט זיך אינ'ם גושן,
און עס שרעקט אַזוי, און גרווילט;
און פון שרעק און מתים־אָטעם
דאָרט די קאַלינע און פוילט.

און עס ווייכן אַלע פייגל
די סוכאָטניצע אָן לינגען;
קיינער וויל זיך דאָ נישט נעסטן,
קיינער זעצט זיך דאָ נישט זינגען!

פליט אַדורך אַמאָל א פויגל,
זעט זי פוילן דאָרט אין עק,—
רייסט זיך פלוצלונג אָפּ זיין לידל,
און ער פליט צעדרשטומט אוועק!

אָך, עס פליט דער פרייער פויגל
צו דעם פרייען פרישן לעבן,
וואו געזונטע ביימער וואַקסן,
און די גרויסע פייגל שוועבן...

וואו דאָס לידל פליסט פון האַרצן
און עס הויבט זיך העכער, העכער.

און עס פּערלט זיך די משקה
אין געגילטן לעבנס-בעכער...

און דער טאָג האָט זון און הימל,
און די ליבע הערשט ביינאַכט...
און די קאַלינע פון קלייזל
בלייבט דאָ עלנט און פאַרשמאַכט!

פערטע אָפּטיילונג

פון דער אַרבעט

דריי נייטאָרינס

די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שווייס!
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס — —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען!

— — — — — — — — — — — — —

די נאָדל—בלאַנק, די לייוונט—שניי
און איינע טראַכט איך ניי און ניי.
איך ניי בייטאָג, איך ניי ביינאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס, איך ניי?

נישט איך שלאָף און נישט איך עס...
איך וואָלט געגעג׳ן אויף מאיר בל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט:
אַן אַלמן כאָטש, אַן אַלטן איד.
מיט קינדערלעך א שאָק!

— — — — — — — — — — — — —

די צווייטע טראַכט, איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס גאָר גראָע צעפּ!
דער קאָפּ—דער ברענט, די שלייף—זי האַקט,
און די מאַשין—קלאַפּט צו צום טאַקט;
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמ'ס ווינק !
אָן א חופה, אָן א רינג,
וואָלט געווען א שפּיל, א טאַנץ,
א ליבע אויף—א יאָר א גאַנץ !
נאָר דערנאָך, דערנאָך ?

— — — — — — — — — — — — —

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט :
איך ניי מיך קראַנק, איך ניי מיך בלינד.
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך...
און ער—האָט חתונה די וואָך !
איך ווינטש אים נישט קיין שלעכטס !

עט, פאַרגעסן וואָס אמאָל !...
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויף א קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן !

וואָס טראַכטן און קלערן

(נאָכאַמונג)

וואָס טראַכטן און קלערן
גערונצלטע שטערן,
ווען ס'ווערן אין ד'אויגן
פאַרבאַקן די טרערן?
וואָס טראַכט און וואָס חלומ'ט
די שטומפּיגע קוואַל?
צי בליט דאָרט כאָטש איינמאָל
אין לעבן די שטראַל,
וואָס לייכט אונז ביי'ם זוכן
אין פינצטערע טעג,
דער אָרימער מענטשהייט'ס
פאַרלוירענעם וועג?

וואָס טראַכטן, וואָס קלערן
די אַלע, וואָס שטופּן
די טאַטשקע פון צרות?
צי שיינט אויף די ליפּן,
וואָס שיילן זיך, ברענען
פון אייביגע זאָרגן

כאָטש איינמאָל א שמייכל—
אן אָפּגלאַנץ פון מאָרגן,
פון גליקלעכן מאָרגן,
וואָס אונז מאַכט באַקאַנט
דעם פינצטערן הימל'ס
פאַרגאָלדעטער ראַנד?

וואָס טראַכט זיך דער הונגער
אין קעלער פאַרשמאַכט?
דער שלאָף וויל נישט קומען,
און שטיל איז די נאַכט;
צי הערט ער אין שטילן
דעם אייזערנעם קלאַנג — —
דעם טראָט פון די צייטן,
פון דורות דעם גאַנג...
צי שפּאַלט זיך דער הימל
ביי גאָט אין דער האַנט?
צי זעט ער דעם דונער?
צי וויים ער, ס'איז קראַנט?

דאָס געבעט

(נאָכאַבונג)

רבונו של עולם!
נאָך ווייניג געליטן?
ווען וועסטו, רבונו
של עולם, פאַרשיטן

דעם אָפּגרונט, דעם טיפן,
וואָס טיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער?

*
*   *

און ברייט איז דער אָפּגרונט,
און טיף ווי א תהום,
און זאַפּט אין זיך איין
אונזער בלוט ווי א שוואָם!...

*
*   *

עס ווערן אין אָפּגרונט,
— וואו ס'מעסער נאָר בליצט,—

מיט בלוט אויף די ריינסטע
אידייען באשפריצט...

עס ציטערט פון דאָרטן
דער ווייטאָג׳ס געוויין,
דאָרט ליגט די נקמה
און קריצט מיט די ציין...

דאָרט ליגט די פארצווייפלונג
דערשראָקן, פארבליפט,
מיט ליפן ווי קוילן,
ביים בעכער פון גיפט...

* *
*

רבונו של עולם!
נאָך וויפיל געליטן?
ווען וועסטו דעם שרעקלעכן
אָפגרונט פארשיטן.

דאָרט ברעכן די פליגל
די אָדלער די גרעסטע;
דאָרט ווערן פארשטיינערט
די הערצער, די בעסטע...

רבונו של עולם,
צי שפראָצט דען דיין לויב
פון פינצטערן, פוילן
אין בלוטיגן שטויב?

— — — — — — — — — — — — —

לידער

(נאָך מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ)

כ'האָב געזען לידער! טייל ווייסע ווי שניי,
און שיין און באַשמעקט, ווי די בלומען אין מאַי,
און ריין ווי דער בלאָליכסטער הימל ביינאַכט,
דערביי—ווי דער טרויעריגסטער מלאך פאַרטראַכט—
זיי האָבן ליבע געזונגען!

דערנאָך איז געקומען די צייט מיט דער קאַסע.
זי האָט זיי געשניטן ווי היי מיט ראַסע;
עס האָט זיך א לופט פון גן־עדן פאַרשפּרייט;
עס טראָגט זיך דער ריח גאַנץ וווייט און גאַנץ ברייט—
ס'איז דאָך קיין ברויט נישט געוועזן!

אָך! האָב איך אַלערליי לידער געזען,
פון טייל איז אין הארצן נאָר וואונדער געשען!
עס רייסט זיך פאַר בענקשאַפט און ס'בלוט אָן און עס,
ס'פאַרגייט שיר פאַר שרעק און ווי זיס איז די שרעק...
זיי האָבן באַלאַדן געזונגען!

דערנאָך איז געקומען די צייט! אויפ'ן שטערן
האָט זי א ברענענדע זון, און עס ווערן

וואָלקן און נעפּל צעשווימען, צערינען...
איך קאָן פון די לידער קיין זכר געפינען;
גלייך מיט די נעפּל פאַרשוואונדן!

קלאָג־ווייבער־לידער האָב איך אויך געקענט.
ווי ערד איז דאָס פּנים, געבראָכענע הענט.
געלעבט אין בית־עולם, געלויבט און געוויינט,
קרענץ פאַר די קברים געפלאָכטן, געקרוינט
מצבות, געקושט און געהאַלזט!

דערנאָך איז געקומען די צייט און געשניטן
אויף סיעצקע פאַר קעלבער די קרענץ און די בליטן;
גענוצט די מצבות צו הייזער אַלס שטיינער,
און צוקער געלייטערט אויף הייליגע ביינער—
קלאָג־לידער זיינען פאַרשוואונדן!

אויך לידער, וואָס האָבן געדינט דער מינות,
גע'חנפ'עט דעם שטאַרקן, געשמייכלט דער רוט;
ביי רייכע געבעטלט, פאַרהייליגט דעם רויב,
פון רינשטאָק געטרונקען, געגעסן דעם שטויב—
זיי האָבן אָדעם געזונגען.

די צייט איז געקומען—זי בלאָזט אויפ'ן האָרן
א וועק־ליד! עס זיינען פאַרזאַמלט געוואָרן
דיכטער און זינגער פון נאָענט און פון ווייט.
זי האָט זיי געמוסטערט... די קרעציגע לייט
אַרויס פון דער מחנה פאַרטריבן!!!

ביי דעם פרעמדן חופה־קלייד

(א סצענע פון וואַרשעווער לעבן).

אין א מאָדע מאַגאַזין. פּערזאָנען: מאַדאַם, צוויי מאָדיסטקעס און האַנט־מיידלעך.

מאַדאַם:

היינט ווערט געשטעפּט און גענייט,
היינט וועט מען ליידיג נישט זיצן!
טוריי — טוריי — טוריי!
זעט נאָר די גאַזן, די שפּיצן!
זעט, ווי דאָס זיידנס וועט בליצן!

א שלעפּ וועט זיין גאָר א מורא!
אודאי צען איילן די שלעפּ!
היינט נאָך — בריליאַנטענע קנעפּ!
זעט — מען נעמט אַזאַ כחורה!

האנט-מיידלעך (כאָר):

אַט האָט איר א וואונדער,
כ׳לעבן, קיין שפּאס!
צי הייסט דען נישט „פּאווע״—
יאָ פּאווע—די גאַס,

וואו ס׳שטייט זיך א מויער
גאַנץ געלבלעך און בלייך,
דאָך פעסט ווי א פעלזן,
דריי שטאָק אין דער הויך;

די פענצטער—אין אייזן,
די טויערן—פאַרמאַכט...
עס גייט נאָך א זעלנער
ארום אויף דער וואכט!

אוי, דאָרטן צו וואוינען
איז טרויריג און באַנג!
עס שלאָגט דורך די מויערן
דאָס קייטן-געקלאַנג...

עס קלינגט אזוי טרויריג
דין-דאָן... דין-דאַם!
אָ, רירט נישט דאָס זיידנס,
נים טשעפּעט, מאַדאַם!

די ערשטע מאָדיסטקע:

סאַטען-דע-ליאָן... און שפּיצן, און גאַזן,
עס פעלט נאָך בריליאַנטן צום רימעל...

דיוואַנען, און בלומען, און לאָמפּן... די כלה
וועט אויסזען—א מלאך פון הימל!

האַנט-מיידלעך (כאָר):

נישט קיין גראָשן פאַר דער דירה,
און אין מויל קיין ביסן!
כ'וויל ביים מלאך פאָרשום בעטן!
ניין, זי וויל נישט וויסן!

מלאך, גיב פאַראויס א רובל!
ניין, זי גיט נישט פריר!
כ'וויל פאַרציילן איר פון הונגער,—
ווייזט זי מיר די טיר!

אוי, עס זעצט מיר אין די שלייפן,
דאַכט זיך מיר, אַט פאַל איך.
„נאָר אָן קונצן, נאָר אָן פאַקסען!"
לאַכט מיך אויס דער מלאך!

— — — — — — — — — — — — —

אוי, מיך האָט דעם מלאכ'ס לאַכן
ביז אהיים געהעצט!
און איך האָב דעם מלאך זיידנס
אויף א ברויט פאַרזעצט!

און עס איז אראָפּגעפאַלן
פלוצלונג, ווי פון הימל,
אוי, דער מלאך מיט א לאַפּאַץ,
טאַקע ווי צום רימל!

און מיך האָט פאַרזאָרגט דער מלאך
אויף די גרויסע פרעסט,
אוי, אויף גאַנצע דריי חדשים
מיט קוואַרטיר און קעסט!

די צווייטע מאַדיסטקע:

בלאַס איז דאָס זיידנציייג, פונקט ווי מיין פנים׳ל,
דורכזיכטיק־דין, ווי מיין הויט...
דירמ מען עס, קרעכצט עס „אוי!”, פונקט מיינע
ביינדלעך—
דאָס הייסט א גליקלעכע מויד!

דערצו וועלן קומען בריליאַנטענע קנעפּלעך,
גרויסע, ווי אָרימע טרערן!
נו, אייל דיך, רעדעלע! אייל דיך, טרעקאַטשע,
כ׳זאָל מיינע ביינדלעך נישט הערן!

טראַך־טראַך־טראַך, ביינדעלע! טור־טור־טור, רעדעלע!
שלאָג׳מיר דאָך גליך מיט׳ן זייגער...
טראַך־טראַך־טראַך, ביינדעלע! טור־טור־טור, רעדעלע!
ווען וועל׳מיר רוען, א שטייגער?

האַנט־מיידלעך (כאָר):

עס איז פאַראַן א שטיבעלע
אויף א שטילער גאַס!
ס׳האָט קיין טיר, קיין פענצטערל —
אייביג שטיל און נאַס!

כאָטש מען צאָלט קיין דירה־געלט,
וואַרפט מען נישט אַרויס!

דאָרטן רו'ן אויף אייביג שוין,
די ביינדעלעך זיך אוים!

פון קיין שטעפּען וויים מען נישט,
עס ווערט שוין נישט גענייט...
צום שטיבעלע קומט איטלעכער
אויף אייביג שוין בעקליידט!

די צווייטע מאָדיסטקע:

שטעפּ, נאָדל, שטעפּ די בראַבאַנדערנע שפּיצן—
פאַר איר, פאַר איר!
תכריכים'לעך וועסטו גיך און באַלד שטעפּן—
פאַר מיר, פאַר מיר!

עס בליצן בריליאַנטן, עס שמייכלט די כלה'שי—
שיין אַזוי, ליב!
ווען וועט א שמייכלט מיין פּנים באַשיינען?
אין גרוב, אין גרוב!

ער וועט זי טוליען, צעקנייטשן די שפּיצן
אין הארציגן שטורעם!
דיך ווער וועט גלעטן, און פּיעשטשען, און טוליען?
א וואָרעם, א וואָרעם!

„לוסטיג-לעבן"

(א יונג האַנט־מיידל)

וואָס פאַר'סמ'ט איר מיר דאָס לעבן?
זינגט נישט אַזוי שרעקלעך!

כ'האָב קיין סאַמעט און קיין אַטלאַס—
נאָר די רויטע בעקלעך!

כ'האָב קיין שפּיצן, קיין בריליאַנטן,—
ווייס איך, וואָס זיי טויגן!
כ'האָב א האַלז,—אַן אַלעבאַסטער,
צוויי בריליאַנטן—אויגן!

כ'דאַרף קיין פּערל—זעט די ציינדלעך,
אַך, ווי זיי גלאַנצן!
און די יונגע, פרישע ליפּלעך
זיינען מיינע קרעלן!

פעלט מיר גאָלד דען? זעט די לאָקן!
און וואָס גליק איז—ווייסיך!
לאָזט מיך לאַכן, לאָזט מיך לעבן —
„לוסטיג לעבן" הייס איך!

האַנט-מיידלעך (אויסער לוסטיג-לעבן):

אויף יעדער גאַס, אין יעדן הויז
שטייט א קאַסטן מיסט!
קלויבן לאָזט מען פראַנק און פריי
שמאַטעס גאָר אומזיסט!

און—ווערט „לוסטיג-לעבן" אַלט,
ווייסט איר, וואָס איר גליסט?
מאַכט א שטעקעלע זיך פיין,
גראַבלט זיך אין מיסט!

די ערשטע מאַדיסטקע:

יונגערהייט א העזעלע,
געשפרונגען און געקישט;
אצינד האָט עס קיין נעזעלע,
און קיין גומען נישט!

די צווייטע מאַדיסטקע:

זי וועט זיצן צווישן בלומען
אויף א דיוואַן—רייך!
און מיר מאכט אויף דר'ערד אביסל
שטרוי נאָר גלייך!

זי דאַרף שפּיגלען, זשיראַנדאָלן,
לאָמפּן אַלערליי;
מיר צוקאָפּנס—גראַשנדיגע
ליכטלעך צוויי!

אַן מוזיק אויך פירט מיך לייגן,
ווען אויך היינט ביינאכט...
ווילט איר דוקא—ווײנט א ביסל,
ווילט איר—לאַכט!

מאַדאַם:

שטילער, שטילער, שטילער,
שמיל אַן אויגנבליק!
טוריי—טוריי—טוריי!
אָט דאָס הייסט מוזיק!

וואָס האָט איר פון די לידער?
דריקעניש—נישט מער!
עס ציטערן די ברעמען,
אַט, אַט, פאַלט א טרער...

און אַז טרערן פאַלן
פון דער שווערער נויט—
אויף די ווייסע קליידער
ווערט א פלעק אויף טויט.

טוריי—טוריי—טוריי!
אַט דאָס הייסט מוזיק —
האָט איר נישט קיין אייגנס,
זינגט פון פרעמדן גליק!

אַלע (כאָר):

עס איז געווען א מיידעלע,
א מיידעלע א פּראַכט—
עסן עסט עס יעדן טאָג,
שלאָפט זיך יעדע נאַכט!

ליפּלעך האָט זי רויטינקע,
רויטינקע, וואָס נישט?
נאָך נישט קיין צעביסענע,
נאָך נישט אויסגעקישט!

און זי האַלט דאָס קעפּעלע
חנ׳עוודיג און שטאָלץ!
זאָרגט עס אויף א ברויטעלע,
קוילן אָדער האָלץ?

און איינעלעך—פאַר'חלומ'טע,
בלימעלעך גענוי !
בלימעלעך און כלה־חן
ליגט אויף זיי ווי טוי !

אצינד גייען מיר דעם מיידעלע,
צו מזל און צו גליק,
א זיידן חופה־קליידעלע,
א קליידעלע א שיק !

מען וועט איר גע'ן א מאַנעלע,
איי, דעם יונגן בלוט...
כאַ־כאַ־כאַ ! דאָס מאַנעלע
דאָס קענען מיר דאָך גוט !

מאַדאַם :

אוי, נאַרישע קנאה !
איך קאָן דיך פון לאַנג,
איך קאָן אויך דיין צינגל —
די גיפטיגע שלאַנג !

אוי, נאַרישע קנאה !
די גאַל איז דיין הארץ —
גאָלד וואָס איז ? בלאָטע !
דער שניי איז דיר שוואַרץ !

די זון האָט דאָך פלעקן,
די שטערן—צו קליין !
מיינט—זי פרעסט יענעם,
און פרעסט זיך אליין !

אלע (כאָר):

עס איז געווען א מאַמעלע,
א מאַמעלע א פיינס!
זי האָט געהאַט א טעכטערל,
א טעכטערל א קליינס!

און עס האָט דאָס מאַמעלע
דאָס טעכטערל געקישט,
געקישט, געהאַלזט, געוואָרנט עס:
„זיי קיין נאַשער נישט!

„קוק נישט אויף קיין איינגעמאַכטס,
ד׳אויגן האַלט פאַרגלייסט!
טו נאָר, וואָס דער טאַטע וויל,
און וואָס די מאַמע הייסט!"

„און וואָס גוטע, פרומע לייט
עס ראָטן דיר, מיין קינד!
זעסטו נאַשן, קוק אוועק!
בעסער—מאַך דיך בלינד!"

„זאָגט מען, חס ושלום, דיר:
„איינגעמאַכטס איז זיס!"
זאָלסטו ווערן פייער־פלאַם,
טופען מיט די פיס!"

„פאַר דאָס וועל איך שפּעטער דיר
קויפן אויפ׳ן מאַרק,
אם ירצה השם, א ניסעלע,—
ווייסט, איך בין נישט קאַרג!"

פאַר א גאַנצן גראָשן געלט—
א ניסעלע פון גאָלד,
פאַר דיר אַליין א שפּילעכל,
וועסט עס האָבן האָלד!

פאַר א גאַנצן גראָשן געלט,
און נאָר פאַר דיר אַליין...
און דו זועסט עס קושן פריי,
און קנאַקן מיט די ציין!"

און עס פאָלגט דאָס טעכטערל,
וואָס טאַטע־מאַמע הייסט;
און זי האַלט א גאַנצן טאָג
די אייגעלעך פאַרגלייסט!

רוּיטלט זיך, אַז איינגעמאַכטס—
זאָגט מען איר—איז זיס!
ס'צאַפּלט איר דאָס יונגע האַרץ—
זי טופּעט מיט די פיס!

עס קומט די צייט, דאָס מאַמעלע
האַלט איר וואָרט, נישט קאַרג!
פאַר א גאַנצן גראָשן געלט
קויפט זי איר אין מאַרק

א פאַרגאָלדעט ניסעלע.
אוי, ס'איז מלא חן!
מיט ציטערדיגע הענטעלעך
כאַפּט ז'עס אויף די ציין!

כאַפּט עס אויף די ציין און קנאַקט —
איי! די נוס איז פויל!

עס שפייט און שפייט דאָס ווייבעלע—
טאַביק פול איר מויל!

— מאַמע, ווײַנט דאָס טעכטערל,
די יאַנדערע וואו איז?
„מאַמעשי" און „מאַמע־קרוין",
איז דאָס דער טעם פון נים?

דאָס הארץ טוט ווי דעם מאַמעלע;
דאָס פנים מאַכט זי גלאַט:—
„עס איז אַזוי! דיין מאַמעלע
האָט אויך אַזוינס געהאַט"!

די מאַדאַם:

נישט דאָרט איז גליק, וואו צירונג בליצט,
וואו איידלשטיין מיט פונקען שפּריצט;
נישט אַליץ איז גאָלד, וואָס בלאַנקט און גלאַנצט,
נישט דאָס איז פרייד, וואָס לאַכט און טאַנצט!
עס מיידט גאַנץ אָפט דאָס גאָלד'נע בעט
דער שלאָף; דעם גרויסן זאַל—די זעט,
ווי אויך דאָס גליק דעם זאַק מיט געלט,—
דאָס ווייסט שוין לאַנג די גאַנצע וועלט!

די ערשטע מאָדיסטקע:

אַמאָל איז געוועזן, נאָר וואו? מן הסתם
דאָרט ערגעץ אין בויבערג, אויף יענער זייט ים
נאָר—צי איז געוועזן? איר פרעגט נאָך, איר קלערט?
איך האָב עס אַליין פון מיין באָבען געהערט!

די מאַמע—געשטאָרבן, דער טאַטע—אַוועק,
די טרויריגע ווינטער־נאַכט האָט גאָר קיין עק!
די פענצטער—פאַרשמידט, די טיר איז פאַרשנייט,
און ס׳רייסט זיך דער ווינט ווי א הונט אויף דער קייט!
הורורו—הורורו—וואָיעט און קלאָגט.
דאָס האַרץ איז דערשראָקן, עס ציטערט, עס נאָגט...
„באָבע!” זי הערט נישט, נאָר „דיאַ־דיאַם־דיאַם!”
די טויבע פאַרציילט מיר פון יענער זייט ים!

אַלע:

גענוג שוין הקדמות,
  נישט פּלוידער, נישט קוויל;
פאַרגעס אָן דער באָבען,
  די מעשה פאַרצייל!

די ערשטע מאָדיסטקע:

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אמאָל
אויף הינערנע פיסלעך א הייזל אין טאָל,
  געשטאַנען זיך איינפאַך, אָן עזות, אָן שטאָלץ,
  אָן פּוצעכיץ, אָן צירונג—פון ליים און פון האָלץ!
א פענצטער א פּיצלס, נאָר חנ׳עוודיג האָלד!
די זון זי באַשיט עס טאָג־טעגלעך מיט גאָלד!
  לבנה און שטערן
  פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן.

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט!
עס האָבן אין הייזל צוויי ברידער געוואוינט!

עס האלטן צוויי הערצער צוזאמען געטריי.
שווער איז די ארבעט, נאר ס'ארבעט זיך פריי!
ווייס איז דאס מעבל, מיט קלייען דאס ברויט,
נאר אלץ איז צוזאמען—די פרייד און די נויט!
עס האט זיך געלעבט,
די צייט האט געוועבט
איר לאנגן, איר כשר'ן פאדים!

נאר איינמאל באוויזט זיך א גאסט אויף דער שוועל,
פול גינגאלד, שמאראגדן, עס פינקלט זיין פעל!
די שלאנג איז געקומען מיט גלאנץ און מיט פראכט;
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראכט:
עס איז אויף דער וועלט דאך רייכטום פאראן!
ווען איך האב א שמאראגד, איך ארימער מאן,
כ'פארקויף אים, וואס ניט?
נ'וואלט אויפ'ן יריד
געקויפט מיר צו מעלקן א קו!

די שלאנגען—זיי וויסן, וואס ס'טראכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט אים און רופט אים אוועק אין א זייט,
און זאגט אים: „איי, ברודער, וואלסטו נאר געוואלט,
שיטסטו דיר אן פעסער פול גאלד,
פרעלן, דיאמאנטן, בריליאנטן—אך, גאט!
און אלץ, וואס מען קען נאר באקומען פאר געלט!"
איך מאך נישט קיין שפאט,
פאראן אזא סוד,
איך קאן אים דיר זאגן אין וואלד!

די שלאנג איז אוועק, און דער אינגערער קלערט:
ווי גאט האט זיך יעדן זיין שיינקייט באשערט;

גיי פרעג׳ן: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?
די ליידנשאַפט פלאַמט שוין אין עלטערנ׳ס אויג:
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן—אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם סוד!
קוקט ער צום וואַלד,
און גנב׳עט זיך באַלד
פון ברודער אַרויס צו דער שלאַנג!

די זון גייט שוין אונטער, פאַרגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקן אין הימל; און אונטער א בוים
זיצן שוין ביידע, — דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייסט נישט—פאַר פרייד צי פאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיט׳ן עק,
און רעדט פון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן,
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!”

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער, דאָס איז א פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפט זיך, ער אַרבעט, און וואונדערלעך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס,
עס טריפן די טראָפּן!... ער ווישט מיט דער האַנט;
לאָז נישט! דער טראָפּן דאָס איז א דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלייב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פעסער דיאַמאַנטן!”

„עס טרעפט און אים פאַלט פון די ברעמען א טרער;
פיינסטו, דו נאַר, עס איז וואַסער נישט מער,

און טרייסט׳ן, און האלט׳ן, דו האלטסט עס נישט אויס,
און קושסט אים די טרערן פון ד׳אויגן ארויס!
פארשווענדסט דיין פארמעגן, דו נארישער קאפ!
לאז וויינען, לאז טריפן! און קליב יעדן טראפ!
א טרער, האב פארשטאנד,
דאס איז א בריליאנט,—
רייך וועסטו זיין ווי א קעניג!״

„דערנאך—האט דיין ברודער אן איידעלע פעל,
א שטאך מיט א נאדל—דו האסט שוין א קרעל!
בלוט—זאגסטו—איז עס, בלוט—זאגסטו—א קאפ?
דו נאר! עס איז קרעלן, דו צאפ נאר און צאפ!
זאל ער נאר בלוטן און בלוטן נישט קארג!
אנשיטן וועסטו שוין קרעלן א בארג!
דו האסט א פאבריק,
און מאך דיר דיין גליק,
ביזט שטארקער און ווייסט שוין דעם סוד!

די ליפן פארביסן, די פויסטן געביילט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואלד,
די אויגן, זיי ברענען און זוימען זיך שווארץ,
דאך צאפלט די ליבע צום ברודער אין הארץ,
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאך נאר מאכן א פרואוו,
א שטאך וועל איך געבן א קליינעם, נישט טיף;
מיין ברודער? איך וויים!
נאר טרערן און שוויים,
זיינען בריליאנטן, בריליאנטן!״

עס הערט די לבנה נאך ד׳איינענע נאכט,
ווי ס׳האט אינ׳ם שטיבל געוויינט און געלאכט.

עס קוקן די שטערן אין פענצטער אריין:
ווי לאַכט עס א ברודער ביים ברודער'ס געוויין?!
די זון האָט צומאַרגנס געוואונדערט זיך שטארק:
ווי שלאָגט עס א ברודער דעם צווייטן אין קארק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

און עס איז געקומען אויףביידע גאָט'ס שטראָף!
דאָס גליק איז פארשוואונדן, עס ווייכט זיי דער שלאָף,
אוועק איז די ליבע, דער פרידן אוועק!—
דער שלאָפט נישט פאר ווייטאָג, דער צווייטער—פאר שרעק;
דער שרייט: ס'איז מיין עשרות, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס'איז טרערן, מיין שוויים און מיין בלוט!
דיאָם, דיאָם, דיאָם!
אויף יענער זייט ים!
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

אַלע (כאָר):

מען שלאָגט זיך, מען רייסט זיך,
טראַך־טראַך, טראַך־טראַך! —
נאָר וואָס איז געוועזן
דער סוף פון דער זאַך?

דער סוף פון די ברידער
פון שרעקלעכן הויז?
פארצייל שוין און צי נישט
די הערצער ארויס!

די ערשטע מאָדיסטקע

אוי, ס'איז געווען א שרעקלעכע נאַכט!
איך ליג ביי דער באָבען אין שוים און איך טראַכט:
„וואָס לעגט זיך דער שאָטן, אזוי לאַנג, אזוי ברייט?
וואָס רייסט זיך דער ווינט ווי א הונט אויף דער קייט?
וואָס ברעכן די מויערן, וואָס רייסט זיך דער דאַך?
צי הער איך דער באָבען, צי בין איך נאָך וואַך?"

איך ליג ביי דער באָבען אין שוים און איך טראַכט:
„צי זע איך אין חלום די שרעקלעכע נאַכט?
צי הער איך א מעשה? צי בין איך דען וואַך?
וואו ברעכן די מויערן? וואו רייסט זיך דער דאַך?
וואו רייסט זיך דאָס הייזל אוועק פון זיין אָרט?
הורורו—הורורו—דאָ אָבער דאָרט?"
שטענדיג געקלערט
און קיינמאָל געהערט
דעם סוף פון דער שרעקלעכער זאַך!

אַלע, אויסער מאַדאַם:

דער זייגער שלאָגט! איי, צענען שלאָגט,
געענדיגט שוין די מי!
אהיים, ווער נאָר א היים פאַרמאָגט,
אהיים ביז אינדערפרי!

אין בעט אריין, א בעט ווער ס'האָט,
נאָר שלאָפן גייט, געדענקט אָן גאָט!
שלאָפן דאַרף די נויט!

מיידלעך:

שלאָפן איז אַ פיין געשעפט
מען רוט זיך אויס! און טיילמאָל טרעפט
עס חלומ'ט זיך — אַ ברויט!
אָך, צענען שלאָגט, צום עק די מי —
— גוט־נאַכט, מאַדאַם

מאַדאַם:

קומט מאָרגן פרי!

פינפטע אָפּטיילונג

גערישט.

ירמיהו׳ס בריוו

(אגרת ירמיהו—כתובים אחרונים).

.1

און אין בבל וועט איר וואוינען,
צווישן פרעמדע פעלקער לעבן,
דאָרט, וואו גאָט האָט אייך פאַרטריבן,
ביז עס קומט די צייט!

דאָרט אין בבל וועט איר וואוינען.
צווישן פרעמדע פעלקער לעבן,
און וועט פרעמדע זיטן זען,
פרעמדן גלויבן, פרעמדע געטער,—
שרעקט אייך נישט פאַר זיי!

דאָרט אין בבל וועט איר זען,
אויף די אַקסל געטער טראָגן,
שיין־געשניצטע, פיין־געקליידע—
גאָלד־און זילבער־געצן!

זיי פון פאָרענט לויפט אַן עולם,
הינטן לויפט זיי נאָך א מענגע;
אַלטע, יונגע, מענער, פרויען,—
שוויגן מוזט איר, נאָר אין האַרצן
זאָגט אייך אויס פון זיי!

זעט, די צונגען ביי די געצן
האָט א מייסטער אויסגעשלאָגן,
אויסגעשניצט און אויסגעקינצלט
פון דעם ריינסטן גאָלד!

נאָר פארגעסן האָט דער מייסטער
אויסצולערנען די געשמידטע
צונגען, כאָטש א וואָרט!

און געשמאַק האָט אויך דער מייסטער!
אויסגעפוצט האָט ער די געטער,
ווי א כלה צו דער חופה, —
קרוינען אויף די קעפּ!

דאָך פארגעסן האָט דער מייסטער
אין די קעפּ אריינצושלאָגן
שכל, כאָטש א פונק!

גאָלד און זילבער האָט דאָס געטל;
עס באַשטעלט אים דאָך דער פּריסטער
און פארשווענדט זיין גאָט'ס פארמעגן,
זיינע קליידער אין די הייזער,
וואו ער דאַרף נישט זיין!

און וואָס העלפן זיי די קליידער,
גאָלד־ און זילבער־פיין געשטיקטע,
אַז זיי קאָנען זיך נישט ווערן
פאַר דער קלענסטער מילב!

אַז מען טוט זיי אָן די קליידער,
נעמט א פּעדערוויש דער פּריסטער,

רייניגט דאָס געטער־פּנים,
ווישט זיי אָפּ די נעז!
שטאָלץ שטייט מאַנכער, ווי א ריכטער,
אין דער האַנט — א בינטל ריטער, —
מעגסט דאָך שפּייען אים אין פּנים:
שמייסן קען ער נישט!

אי, נאָך שטרענגער איז דער צווייטער:
אין דער האַנט א שווערד א שאַרפע
צי א שווערע האַק!

לײדער קען ער זיך נישט שיצן
פאַר א גנב, איבערשרעקן
אויף דער וואַנט א פליג!

אַז זיי זיצן אין די טעמפּל
און די געצנדינער קומען,
און זיי בוקן זיך און קניען,
ווערט דערפון א שטויב;

שפּעטער פאַלט דער שטויב אַרונטער
און פאַרשוואַרצט דאָס געטער־פּנים,
און פאַרבלענדט די געטער־אויגן,
און באַשמוצט די קרוין.

פאַר גנבים מוז דער טעמפּל
זיין פאַרמאַכט אויף שלאָס און ריגל;
נישט די געטער שיצן מענטשן,
מענטשן שיצן זיי!

אַט עס קומט די נאַכט און פֿריסטער
צינדן ליכטער פֿאַר די געצן;
העל־באַלייכטע געטער שײַנען, —
עס איז נאָר גאָלד און זילבער גלאַנצן —
דער גאָטאַליין איז בלינד!

און עס הויבן פֿון דער ערד זיך
אויף די ווערימלעך, און זיי קריכן
אויף די קליידער פֿון די געטער,
פֿון די קליידער אויף די לײַבער,—
און זיי שטייען אומבאַהאָלפֿן
געגן קליינע ווערים!

און עס פֿליען דורך די פֿענצטער
פֿלעדער־מײַז אַרײַן אין טעמפּל,
און ווי פֿראַנק און פֿרײַ זיי פֿליען,
פֿון א געטער־קאָפּ צום צווייטן,
ס'יאָגט זיי נישט אַוועק!

און די זון זעט יעדן מאָרגן
פֿלעדער־מײַז־פֿאַרשמוצטע געטער,
און זי זעט אויך, ווי עס קומען
און עס וואַשן זיי די פֿריסטער,
און זיי פּוצן, און זיי שוויצן,
ביז דער גאָט ווערט ריין!

.2

טײַער זײַנען דאָך די געצן,
ווײַל עס שטעקט אין זיי פֿאַרמעגן:

זילבער, גאָלד און מייסטער־ארבעט—
נאָר קיין לעבן נישט!

מאַכט א קריג זיך: פרעמדע פעלקער
ווילן לאַנד און פאָלק באַצווינגען;
ווען שיצן זיי די געטער?
ווען געבן הילף?

ניין! עס כאַפּן זיי די פּריסטער
און אנטלויפן, און באַהאַלטן
זיך צוזאַמען מיט די געצן
ערגעץ אין א הייל!

טרעפט, עס ברעכט אַרויס א פייער
אינ׳ם טעמפּל און די פּריסטער
ראַטן איילינג זיך דאָס לעבן,
און די געצן ברענען!

ווי א מענטש פון שטרוי קען היטן
פאַר גנבים פעלד און שייער,
אַזוי שיצן אויך די געצן
פעלקער, לענדער, שטעט!

ווייל די געטער, כאָטש זיי זיינען
פון דעם ריינסטן גאָלד געגאָסן,
מיט די קליידער און די קרוינען—
ווייל די געטער, כאָטש עס קניען
פאַר זיי מאַסן און געגנענען
זיי קרבנות — ווייל די געטער
איז קיין קלענסטער וואָרם מקנא,
ווייל זיי לעבן נישט!

ווי פאַר טויטע שטעלט מען פאַר זיי
עסן, טרינקען, פעטע פליישן;
דאָס באַ׳גנב׳ענען די פּריסטער
און פאַרקויפן, און די ווייבער—
זיי פאַרזאַלצן און באַהאַלטן
אויף אַ שלעכטן טאָג!—.

רב חנינא בן דוסא

(א תלמודישע זאַגע)

.1

א ווייב האָט געהאַט רב חנינא בן דוסא,
זיין זכות זאָל אונז ביישטיין, הלואי!
הערט איר, א רייטערקע, אָבער א גרויסע,
עס זאָל איר נישט זיין צו קיין גנאי!

עס פליען די קללות פון מויל איר ווי פייגל:
„חנינא, גיב עסן, גיב שיך!"
וואו זאָל ער נעמען, עס פלאַמט שוין איר איינגל,
עס פליט שוין „א רוח", נאָך „א רוח"!

„וואָס טויג מיר דיין תורה? דו לערנסט גאָר א וואונדער
וועסט קריגן דאָרט שליפעס און טרעסן!
שלינג און שלאָנג גיי איך אָרום מיט די קינדער,
חנינא בן דוסא, גיב עסן!"

אצינדערט געדענקען עס ביידע אין פריידן,
זיי זיצן און קוועלן און לאַכן!

און ר׳ חנינא פֿאַרציילט אין גן־עדן:
„זי פֿלעגט עס גאָר קינציג צו מאַכן!"

.2

דאָס קען מען נישט זאָגן, ליב האָט זי געהאַט אים,
זי פֿלעגט אים אין ד׳אויגן צו לעזן!
זי האָט געוואוסט שוין, דאָס טויג אים, דאָס שאַדט אים—
נעבעך, א קראַנקער געוועזן!

ער איז געוועזן איר דאגה די גרעסטע,
געפּוצט און געלאַטעט זיך בלינד!
אים און די קינדער דאָס שענסטע, דאָס בעסטע,
כאָטש זי דאַרף זייגן א קינד!

און זי וואָלט געטרונקען זיין ברוד פון די פיס,
די פּאות—געגעסן פאַר ברויט!
קוים גיט חנינא בן דוסא א היס,
ווערט זי שוין בלאַס ווי דער טויט...

און שטיל ווי א טייבל, זי קוועלט פון זיין צורה!
עס לייכטן איר די אויגן די גראָע...
פעלט אָבער עסן, צי פעלט אויף א דירה,
ווערט זי א חיה נוראה!

הויבט נאָר אָן פּישטשען א קינד, עס וויל עסן,
קוים הויבט עס אָן הוסטן פאַר קעלט,
האָט זי שוין אין אַלעם, אין אַלעם פֿאַרגעסן,
און שרייט שוין, און רייסט זיך און שעלט!

און ציפּט ביי די לאַצן ; „חנינא בן דוסא !"
„הערסט ? !" און ווייזט אים א האַנט...
א רייטערקע איז זי געווען א גרויסע,
עס זאָל איר נישט זיין צו קיין שאַנד !

.3

„דער קורצער פרייטאָג, הערסטו, איז מאָרגן,
„דאָנערשטאָג איז היינט, דו הערסט !
„נישטאָ וואו צו לייען, נישטאָ וואו צו באָרגן,—
„חנינא, וואָס טויג מיר, דו קלערסט ?

דו קלערסט קיין פּרנסה ! ס'איז פינצטער מיין מזל ;
דיין תורה, דאָס ווייס איך, איז טייער ;
אָבער וואָס העלפט עס דו ביזט א שלימזל,
און קענסט נישט פארדינען א דרייער !

אומזיסט איז געווען מיין שעלטן און פלוכן
דו ביזט נאָר א בריה אין קלויז !
און איך האָב צו טראָגן, און איך האָב צו זייגן !
דאָס פערטע וויל אויך שוין ארויס !

בין איך דיר מוחל, וואָס כ'האָב שוין געליטן,
נאָר צינדערט, חנינא, גיב ברויט !
הערסטו, חנינא, איך בעט דיך מיט גיטן,
שטעל דיך פאר אונז אין דער נויט !

דו קענסט דאָך צום הימל, צו גאָט אַלע וועגן,
דו האָסט אַלע שליסל אַליין !
טוסט אויס א שוך, דאָס ווייסט מען, גייט רעגן,
דעם צווייטן—דער הימל איז ריין !

פאַר דיינע אייגענע וועט דיר זיין גרינגער,
פאַרקרים דיך נאָר, לאָז נאָר א טרער!
מי׳וועל׳מיר דאָך שטאַרבן אום שבת פאַר הונגער...
אויף שבת! וואָס וויל איך דען מער?

זעסטו, חנינא, איך בעט דיך פריציייטיג,
וואַרף פון די פיס נאָר די שקראַבעס;
מאָרגן איז פרייטאָג און קורץ איז דער פרייטאָג,
וועסט האָבן א פינצטערן שבת!

עס וועט דיר נישט העלפן דיין קנאָבל, דיין קדוש!
חנינא, דיין סוף וועט זיין מיאוס!
איך רעד פאַר פייער, פאַר וואַסער. קיין חדוש — — — —
חנינא׳שע, בעט כאָטש א פוס!

4.

ער קוקט אויף דער טיר, זי האָט זי פאַרשלאָסן:
„דו גייסט אָן א פוס נישט אוועק!"
זי שווערט אויף נאמנות, א קינד האָט גענאָסן,
ער מוז, זעט ער, מאַכן אַן עק!

פאַרגלאָצט ער די אויגן: „גאָט, טראַכט ער, דו ווייסט,
קיין עצה קיין ראָט האָב איך נישט"...
און קוים האָט חנינא די אויגן פאַרגלייסט,
עס ליגט שוין א פוס אויפ׳ן טיש!

.5

א נאַכט איז געווען א לאַנגע, א גרויסע,
דער פֿרייטאָג דער קורצער שוין טאָגט!
כאַפּט זיך אויף גרינג: „חנינא בן דוסא"...
זי פֿאַלט צו'ם צו און זי קלאָגט!

„אוי, כ'האָב געזינדיגט, צינד פֿיל איך די זינד
א נאַרישער אידענעס מויל!
דעם קאַלב־פּוס גיב אָפּ דעם הימל געשווינד.
עס האָט מיך גע'חלומ'ט—א גרויל!

דיין שטול אין גן־עדן האָב איך געזען,
מיין בענקעלע אונטער דער שטול.
פֿון גינגאָלד, חנינא'שע, איז זי געווען,
מיט טייערע שטיינער גאָר פֿול!

ז'איז צווישן ד'אבות'ס שטולן געשטאַנען,
און צווישן די אמהות מיין אָרט;
איך זאָל מיך ניט קענען גאָר רירן פֿון דאַנען,
זאָג איך דיר ליגנד א וואָרט!

גו, הערסטו, חנינא, וואָס מיך האָט געקוועלט
כ'בין שיר געשטאָרבן פֿאַר שרעק:
דיין כסא, הערסט, האָט א פֿיסל געפֿעלט.
מיין איך, אז ס'איז שוין מיין עק!

די אמהות קוקן מיט רחמים און שווייגן,
די שפּחות נאָר שמייכלען גאָר מיאוס,
און בלהה און זלפּה, זיי ווייזן מיר פֿייגן:
„ווי פֿרעסט מען עס אויף א פּוס!"

דו ווייסט דאָך, חנינא, וואָלט איך דען געגעסן ?
דו און די קינדער !... נאָר שוין,
גיב אים צוריק, כ׳וויל אַלצדינג פאַרגעסן, —
נאָך איינמאָל פאַרקרים זיך, מיין קרוין !

זאָל מען נישט טייטלען אויף מיר מיט די פינגער,
א טרער לאָז, אָ, מאַך נאָר דיין שפּיל !
זאָלן מיר אַלע דאָ שטאַרבן פון הונגער,
און דאָרט זאָל נישט לאָמען דיין שטול.

דער אידישער קוועסטאַר *)

(א לעבעדיג בילד פון ווילדאָ)

מען זעט אים טאָג־טעגלעך שוין א דרייסיג יאָר
מיט זיין טרוי'ריג פּנים און די פייכטע אויגן,
מיט זיין שלאַנקן וואוקס, קיילעכיג געבויגן,
און דער לאַנגער באָרד מיט פאַרגראָטע האָר;
מען קען גוט זיין קאַפּטאַן, איין גאָט ווייסט, ווי לאַנג
ר'איז זיין צווייטע הויט, האַלט זיך ווי עס איז;
און מען קען זיין טריט, זיין וויגן זיך אין גאַנג,
אויף זיינע, האַלב באָרוועס, געראַניעטע פיס—
ער גייט—נישט פאַר זיך, אַנדערע—זיין ציל,
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: א איד איז אָן געפיל!

אויף אַלע הינטער־גאַסן איז ער גוט באַקאַנט, —
פון א בלאָטע אַרויס אין א בלאָטע אַריין,
מיט א בלעכענער גרויסער פושקע אין דער האַנט,
ער קלינגט מיט איר: „א האַלבן גראָשן וואַרפט אַריין!"
דאָך פון גרויסע פּריצים האַלט ער זיך גאָר ווייט,
ער האָט קיין העזה נישט צו בעטן זייער גאָב;

---

*) קוועסטאַר—א זאַמלער פון נדבות.

פאַר געמיינע לייט ביי געמיינע לייט
בעט ער האַלבע גראָשן ; קיינער זאָגט נישט אָפּ.
אידן וואַרפן גראָשן,, ער רעדט מיט זיי נישט פיל,
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג : א איד האָט קיין געפיל !

נאָכדעם זעט מען אים אויף בוידים און אין קעלער,
וואו ד'אָרימע נדבות—ער אָרימע צעטיילט !—
וואו נאָר א דלות וואוינט, וואו עס קרענקט א פעלער,
קינדער וויינען ברויט, וואו נאָר הונגער ווײלט,
אן אַלמנה שטרעקט נישט פאַר בושה אויס די האַנט,
וואו דער לעצטער פונק פון פרייד איז שוין פאַרלאָשן,
וואו מען דאַרף יתומים מציל זיין פון שאַנד,—
דאָרטן איז ער דאָ, טיילט שוין האַלבע גראָשן,
ער הערט נישט אויס קיין דאַנק, רעדט מיט קיינעם פיל,
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג : א איד איז אָן געפיל !

נאָכדעם זעט מען אים פון טיילן גיין צוריק.
אַרבעט זוכט ער צינד, זוכט זי ביי קבצנים ;
און ער אַרבעט שווער, ס'רינט דער שוויים פון פּנים,
צי ער שטייט ביים מיעך, צי ער דרייט א שטריק,
צי שטייט ער איינגעבויגן אין דרייען ביי די פּרעסן
אין דער אָליעאַרניע, ביי קאַפּאַרן קלעמען—
און אזוי פאַרדינט ער זיך אַליין זיין עסן ;
פון פּושקע, חס ושלום, וועט ער קיינמאָל נעמען !
פון זיין אַרבעט לעבט ער, אַרבעט שווער און פיל,—
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג : א איד האָט קיין געפיל !

מען זעט אים נאָך דערנאָך נאָך האַלבער נאַכט
אין שענק ביי'ן א ספר געבויגן איז דער קאָפּ ;
ביי'ן א האַלב ליכטל, קיים זיין ביסל באָב,

ער קוקט זיך גאָר נישט אום, וואָס דער עולם לאַכט.
שכור איז דער עולם, חוזק מאַכן לייט,
און טרויערינ איז זיין פנים, און די אויגן בענקען!
נאָר נישט פון דעם לאַכן; ר׳איז פון דאַנען ווייט...
ווייט פון די שכורים, ווייט פון אַלע שענקען,
ווייט פליט זיין נשמה, ציון איז איר ציל,
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: א איד איז אַן געפיל!

מען זעט אים יעדן טאָג, עס קאָן אים קינד און קייט;
אידן קוקן נאָך, ווייסן ווער עס גייט!
און איבער „הונדערט״ יאָר וועלן זיך אַלע שלאָגן,
ווער עס זאָל די מטה אויף די אַקסלען טראָגן.
און עס וועלן לויפן שוואַרצע, גראָע בערד,
אַלע וועלן וויינען, אַלע גיסן טרערן,
און מען וועט אים שיטן ירושלים ערד,
און עס וועט א נייע שורה הייליג ווערן.
מען וועט דאָרט פאַר א קבר צאָלן זייער פיל,
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: א איד האָט קיין געפיל.

פריי אויס נאַדסאָן

.1

קום שוין, קום, אָ, נביא! מיט דער גאַנצער קראַפט
פון אומגליק און פון ליבע רופן מיר צו דיר!
קוק, ווי שוואַך מיר זיינען, מיד און אָפּגעשלאַפט,
ווי שטאַרק עס איז דער פיינט, ווי אומבאַהאָלפן — מיר.

עס איז די לעצטע צייט. אָ, ראַטעווע פון שאַנד!
דאָס געוויסן שלאָפט, די נאַכט איז אָן א שטראַל;
פאַרלאָשן שוין די בושה, פאַרבלאָנדזשעט דער פאַרשטאַנד,
און די מיטלמעסיגקייט פּרעדיגט איבעראַל!

.2

ביזטו מיין פריינט,
אהער גיב דיין האַנט!
מיר וועלן שטרייטן
און ליידן באַנאַנד!

אויב פיינט, שטעל דיך
פריי און פעסט אנטקעגן!
נאָר אראָפּ פון וועג,
אויב ס'איז דיר נישט געלעגן!

.3

מיט פּערל פון טוי
צירט זיך אויס די נאַכט...
(אָ! שרעקלעכע געדאַנקען
לאָזט א רגע אָפּ!)
אָט א פויגל רירט זיך
אין די צווייגן זאַכט...
און א פיצל שטערנדל
ציטערט, פאַלט אראָפּ!

(אָ! שרעקלעכע געדאַנקען,
א רגע זייט געלאַסן!)
דער לבנה'ס שטראַלן
ציען זיך און ציען
אויפ'ן שטילן טייכל
און ליינען זיך אין פאַסן—
(טרויעריגע געדאַנקען,
לאָזט א רגע רוען!)
ווי שטיל זיי זיך באַוועגן,
רירן אויף און אָפּ...
(אָ! שרעקלעכע געדאַנקען,
לאָזט א רגע אָפּ!)

4.

זאָגט נישט, אַז ר׳איז טויט,
ניין, ער לעבט, ער לעבט!
אָפּגעפּליקט די רויז,
נאָר איר אָטעם שוועבט!
צעבראָכן איז די האַרף,
ס׳וויינט דאָך דער אַקאָרד!
צעבראָכן דער אַלטאַר,
ס׳פייער ברענט נאָך פאָרט!

5.

מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט:
מיט א גרויסער מעננע
ניי איך, דאָך באַזונדער...
נייען ניי׳ן מיר לאַנג!
פינצטער איז די נאַכט...
אונטן איז א תהום,
און דאָס וועגל—קרימט זיך,
דרייט זיך ווי א שלאַנג

אויפ׳ן גלייכן פעלזן,
ווי א שאַרפע שמאָל—
און די פלאַקער ברענען.
רייסן אוים אמאָל

פון פינצטערניש א פּנים;
עס איז רוי און קאַלט
און, צום שאַרפן בליק,

די ברעמען איינגעצויגן ;
צי א יונגע סאָסנע
אויפ׳ן תהום געבויגן
מיט די גרינע צווייגן,
דאַכט זיך—אָט זי פאַלט !

צי א שפּאַלט אין פעלזן,
מאָך־באַוואַקסן, שוואַרץ...
און קיין שאָרך, קיין אָטעם,
שטיל ! עס ווייסן אַלע,
אַז א פאַלשער טריט נאָר,
שמעטערט מען פון פעלז
אַריין אין טיפסטן תהום...
דאָך רואיג איז מיין האַרץ,

און מיין טריט איז פעסט !

.6

כ׳האָב נאָך געזען א חלום :
א שטאָק־טויבע נאַכט,
און א ווילדער פעלזן
וואַקסט אין ווילדן לאַנד ;
און די שטומע נעפּל
אויפ׳ן פעלזנס רוקן
גלייך ווי ברייטע ימים
גיסן זיך באַנאַנד...

אויפ׳ן פעלזן שטיי איך,
אונטן איז א תהום,

אונ מיין שארפער בליק
גרייכט נישט ביז צום גרונד...
נאָר דאָרטן איז נישט לער,
דאָרטן רוישט און זידט —
און שטימען אַלערליי
טראָגט ארויף דער ווינט!

עס הערן זיך אין מיטן —
הייזעריגע שרייען,
שוואכע הארפן־טענער,
זיפצן פון א גוסס...
עס גיסן זיך צוזאמען,
וואונדערבארע שטימען,
אַט עס קלינגען שווערדן,
קייטן באלד אין בעכער...

נישט רואיג איז מיין הארץ,
און איך שטיי פארשטארט.

— — — — — — — — — — — —

7.

געפערלעכער אַלם צרות,
חרמות און געיעג,
שרעקלעכער פאר קייטן,
גזלנים און געשלעג
איז די לוסט צום שלום,
עס העלפט נישט קיין פארשטאנד,—
רייס אויס פון הארץ דעם פיינד
מיט'ן הארץ באנאנד!...

עס טוען ווי די קייטן,
דריקן דריקט די יאָך,
בלומען דאָך אין גאָרטן,
אויף וויעזן, אויפ'ן פעלד;
און אויסער פרייען ווילן,
פילסטו, קען מען נאָך
זיך א גליק געפינען
אויף דער בלומען וועלט!

8.

נאָר טרויעריגע לידער,
טרויעריגע געדאַנקען,
צי בין איך דען שולדיג?
ס'איז אזוי מיין לעבן!
עס בליען מיר קיין רויזן,
און קיין שטערן בלאַנקען —
מען האָט מיר אויך קיין גוטן
חלום נישט געגעבן!

*

איך וואָלט פרייליך זינגען אפשר אויך געקענט,
נאָר אין מיין קרענצל שטעקט א שטעכעדיגער דאָרן;
אים האָט איינגעפלאָכטן מיט אייזערנע הענט
מיין מזל, און פון אלעם איז שטעכעדיגס געוואָרן.

דער בעכער

(פון פרוג).

זאָג מיר ,מאַמעשי, איך בעט דיך,
איז דאָס אמת, וואָס עס האָט
מיר פאַרציילט דער אַלטער זיידע,
אַז אין הימל דאָרט פאַר גאָט,

אַז פאַר גאָט דאָרט שטייט אַ בעכער,—
און ווען מיר קוועלן זיך דאָ שווער,
האָט דער גרויסער גאָט רחמנות,
לאָזט אין כוס אַריין אַ טרער?

— אמת, קינד מיינס!
— אַך, מאַמע, מאַמע
איז אויך אמת, איז אויך זיכער,
אַז משיח, דער וועט קומען,
קוים וועט ווערן פול דער בעכער?!

— אמת!
און דאָס קינד פאַרקלערט זיך,
וואַרט א ווייל טרויעריג שטיל,
פרעגט דערנאָכדעם: אָבער, מאַמע,
וועט דער בעכער זיין שוין פיל?

און ער הויבט די בלאָע אויגן
טרוי'ריג צו דער מוטער אויף:
„צי איז אָן א דנאָ דער בעכער,
וואָס מיר ליידן אָן א סוף?

ווי לאַנג מיר ליידן שוין אין גלות,
און דער כוס וויל פול נישט ווערן!
אפשר טריקענען דורך די יאָרן
אינ'ם בעכער אוים די טרערן?"

און צערודערט בלייבט די מוטער
איבער'ן פרומען קינד געבויגן,
און עס ציטערן די ברעמען...
פון די מוטערלעכע פייכטע אויגן,

פאַלן טרערן—צוויי בריליאַנטן
אויפ'ן קינד'ס פאַרקלערטן שטערן!

— — — — — — — — — — — —

גאָט אין הימל, האָב רחמנות,
נעם אין כוס אריין די טרערן!

א סצענע

(אויס היינע).

(די זון, דער דיכטער, אפען, פרעש,
מוילוואורפן און א גלי־וואָרים)

די זון:

וואָס גיי'ן מיך דיינע אויגן אָן,
אז איך טו מיין רעכט?
שטראַלן מוז איך, יאָ—איך מוז!
אויף הער און קנעכט!

וואָס גיי'ן מיך דיינע אויגן אָן?
דו—טו אויך דיין זאך!—
נעם א ווייב דיר, האָב א קינד,
מיך נאָר לאָז געמאך!

שטראַלן מוז איך, יאָ, איך מוז,
כ'קאָן נישט גיין צוריק!—
און וואָס אַרט דיך, אז איך וואַרף
אמאָל אַראָפּ א בליק?

דער דיכטער:

אַט מיט דעם האַלט איך מיך גרויס,
וואָס איך לייד דיין בליק!
שיינקייט זע איך נאָר אין ליכט
און אין פלאַמען—גליק!

צינדערט בין איך, ליידער, שוואַך,
האָסט מיך מיד געמאַכט!
אויף די מידע אויגן פאַלט
שווער אַראָפּ די נאַכט!

די אַפּען:

(כאָר)

מיר אַפּען, מיר אַפּען,
מיר קוקן און גאַפּן
אַרויף צו דעם ברענער, צום אַלטן!
ער קען אונז נישט שטערן,
ער קען זיך נישט ווערן,
ער קען זיך פאַר אונז נישט באַהאַלטן.

די פרעש:

אין וואַסער איז נאַס
און גוט, אַז אַ שפּאַס!
עס לעבט זיך דאָך בעסער און פרייער!
ווער ווייסט פון אַ קוואַל?
עס דעמפט זיך די שטראַל,
עס קילט זיך דאָס העלישע פייער!

ניִשט מיִט אזא כח
שלאָגט דאָ שוין אין מח
דער מערדער, דער הימלישער ברענער,
שטיל לעבט זיך און—שא !
קווא־קווא, קווא־קווא !
אין זומפּל איז בעסער און שענער !

דער מויל־וואורף :

לא היה ולא נברא ! אין הימל זאָל ברענען
א גאָלדענע שיסל !
טייל מאָל דערפיל איך א ביסעלע ווארים
און קראַץ מיך א ביסל !

דער גלי־וואָרים :

זע נאָר די גרויס ! ווי זי פלאַמט אינ׳ם ראָד !
און ברענט אין די אויגן, מען שוויצט, ווי אין באָד !
זע נאָר דאָס גרויסקייט, די פּראַכט !
פּעש ! איך בין אויכעט א ליכטיגע זאַך,
און ברען ניִשט די אויגן, און פראַל נישט קיין סך,
און לייכט מיר גאָר שטיל ביי דער נאַכט !

א ליטעראַטור־סצענע

(געווידמעט טייל יונגע דיכטער).

(א וואַלד. א שטיבל ביים וואַלד. אַן אויסגעשטערנטער זומער־אָוונט. אויפ'ן הימל מעג זיך באַווייזן א וואָלקן, אפילו א שוואַר־צער, נאָר פון א זייט, פון ווייטן. עס באַווייזן זיך פרוי פובליקום און דער יונגער פּאָעט, די איינציגע פּערזאָנען פון דער סצענע. דער פובליציכט, כאָטש פרוי פובליקום רעדט פון אים, באַווייזט זיך נישט. פרוי פובליקום גייט פון וואַלד אַרויס צום שטיבל צו מיט א פולער שירץ שלאָף־עפּל. פון א זייט, גייענדיג צום וואַלד, קומט אָן דער יונגער פּאָעט. זיי זיינען ביידע פאַרטראַכט און זעען זיך נישט, ווי דער שטייגער איז אויף דער סצענע. צו דער יעכטער מינוט ווען זיי זיך דערזען).

פרוי פובליקום

(מיד):

ס'פלעגט זיך שלאָפן גאָר נישט שלעכט
גאַנצע נעכט!
און בייטאָג
פלעגט זיך כאַפּן אויך א דרימל —
נאַ דיר, נאַ! — א שטראָף פון הימל,
א נייע פּלאָג!
כאַפּט זיך אַריין אין קוימען א גריל,—
קיין רגע שטיל! —
גרילט און וועקט,
פּישטשעט, שרעקט:
גנבים ביים שלאָס.
גזלנים מיט העק אין די הענט
ברעכן איין די ווענט!
אָדער גאָר: עס ברענט!...
אַזאַ פּאַרדראָס!
און ווי דאָס הייסט!
„פּובליציסטן־גריל!"
און פרעג זי, וואָס זי וויל,
אָסור, אויב זי ווייסט!
און עס העלפט קיין מיטל!
ווי איך בין נישט אָרים,
צום גוטן איד א קוויטל,
אויף מאיר בעל־הנס אויך א גילדן צוויי,
היינט פון אַפּטייק פּולווער אַלערליי—
און אַלץ אומזיסט!

(שלאָגט זיך אָן מיט'ן פּאָעט, שפּרינגט אָפּ).
און דו ווער ביזט?

דער פּאָעט

(שפּרינגט אויף אָפּ):

פּאַרדאָן! איך—דער פּאָעט!

פרוי פּובליקום:

(בייז):

„פּאַרדאָן איז א לאָקשן־ברעט!...
וואָס איז דיין געשעפט? ענטפער, נאָר פלינק,
צי ביזטו נישט קיין גריל?

דער פּאָעט:

איך זינג!

פרוי פּובליקום:

(באַטראַכט אים נייגעריג, באַרעמהערציג)

און שלעפּט זיך ווי א שאָטן,
אין דער האַנט די האַרף...
און די גרויסע אויגן
ברענען ווילד און שאַרף.
און דער קאָפּ—צעשויבערט,
די ליפּן—בלאַנע—בלאָ — —
וואָס האָט עס דיך געטראָפן
אין א בייזער שעה?

צי האָסטו נאָך קיין ביסן
אין מויל געהאַט די וואָך?
זאָג, איך בין קיין מילדע,
העלפן קען איך דאָך!

כ׳האָב אין שטוב א ברייטל,
קום און ביים אריין...

דער פּאָעט:

(שטאָלץ)

הם... איך לייד קיין הונגער...

פרוי פּובליקום

ביזט נישט הונגעריג? ניין?
נו, האָט דיך א מיידל
געווים געמאַכט צום שפּאַס...
דעריבער קלעמט דאָס הערצל,
און דאָס אויג איז נאַס.
קאָנסט אָן איר נישט לעבן,
דאַכט זיך דיר אצינד...
הונדערט רויטע בעקלעך;
דו ביזט פאַרבן־בלינד!...
איינע איז געוועזן...
עס איז דאָס האַרץ פאַרלאָפן...
וואָס? שאָקלסט מיט׳ן קאָפּ
ניין? נישט געטראָפן?
וואָס דען־זשע, זאָג, באדייט
דיין פּנים מיט׳ן חורבן?!
וואָס דען איז געשען?—

(נאָך ווייכער)

איז דיר ווער געשטאָרבן?
א פאָטער צי א מוטער? —
אַלץ נאָך — ניין און ניין?
אפשר א געליבטע?

(דער פּאָעט גיט דעם זעלבן צייכן אויף נישט.—
פרוי פּובליקום בייזערט זיך):

דאָך נישט דו אַליין ? !

(מעסיגט זיך, גיט זיך א קלאַפּ אין שטערן)

אהאַ, נו איך פאַרשטיי!
דו ביזט פון יענע לייט!
אויך א נייער פויגל
פון דער נייער צייט!
מיט א ניי געזאַנג,
א ביטערס ווי די גאַל...
צי באַוויינסטו זיך,
צי באַקלאָגסט דעם כלל?
צי די זויערע אַרבעט
מיט'ן שוואַרצן ברויט...

(שטאַרקער גערירט)

און אפשר גאָר די אידישע
טאָפּלט שווערע נויט?!
ניין?
אַלץ נאָך ניין און ניין!

(בייז):

צו אַל־די שוואַרצע יאָר!
האָסטו גלאַט געגעסן כריין,
אָדער ציבעלעס א פּאָר?
און גאָר...
און דאָס רינען דיר די אויגן...

דער פּאָעט:

(באַליידיגט)

נישט געשטויגן נישט געפלויגן...

פרוי פובליקום:

(אויסער זיך)

וואָס דען? מיט דער צונג אַרויס, נאָר פלינק!
ס׳איז פון דער הויט צו שפּרינגען...

דער פּאָעט:

רעדן קען איך נישט, נאָר זינגען —
פרוי פובליקום:

(פאַראינטערעסירט)

מהיכי־תיתא, זינג!

(דעקלאַמירט)

צי דער טאָג איז העל,
צי די נאַכט איז שוואַרץ,
שאַרפע נעגל האָב איך,
קראַץ איך מיר אין האַרץ!
קראַץ מיר וואונדן אויס —
די נעגל זיינען שאַרף...

פרוי פובליקום:

אָבער נאָך וואָס? צו וואָס?

דער פּאָעט:

מען באַדאַרף.

(דעקלאַמירט ווייטער)

עס רינט דאָס בלוט פון האַרץ,
פאַרבט די וועלט מיר רויט—
און איך זינג מיין ליד,
מיין בלוטיג ליד פון טויט!
עס קרעכצט מיר צו דאָס האַרץ —
קרעכצן מיר באַנאַנד...

פרוי פובליקום:

משוגע צי מטורף?
צי גאָר א קאָמעדיאַנט?

דער פּאָעט:

(באַליידיגט)

דיר איז דאָס לעבן זיס,
מיר ווי פיאָלון ביטער—
הער מיין שרעקלעך ליד,
אַלטע, הער און ציטער!

(גייט אָפ אין א זייט, מאַכט א טראַגישע מינע,
די ריכטיגע פויזע און דעקלאַמירט):

פּלאַץ, הימל, פּלאַץ,
צוזאַמען מיט דיין שיין,
מיט לבנה, שטערן!
צעשמעטערט זאָלט איר ווערן
דאָ אויפ'ן פּלאַץ!
און אויך צעשמעטערט
זאָל ווערן די ערד! —
מיט אַלץ וואָס לעבט

און שווימט, און שוועבט,
איבערגעקערט!...
אַלץ וויל איך פאַרדאַרבן,
צעברעכן ווי שאַרבן—
ווייל איך וויל שטאַרבן...
שטאַרבן, שטאַרבן!

פרוי פּובליקום:

(צאָרנדיג)

האַ! דאָס איז שוין געמיין!

(רופט אים נאָך):

הער נאַר, יונגער שנעק!
ווילסט שטאַרבן, שטאַרב אַליין,
דאָ אויפ'ן פלעק!
נאָך וואָס שרייען, שעלטן?
וואָס אַרן דיך די וועלטן?—

דער פּאָעט:

שטאַרבן, שטאַרבן, שטאַרבן!

פרוי פּובליקום:

(אויסער זיך):

נאַר ברעך ווי א שאַרבן,
פּלאַץ ווי א פּאַכיער, ווי א זייפן־בלאָז!...

וועלטן שמעטערן נאָך וואָס?

(אָפּגעקילט, איראָניש):

באַ, אַז איך האָב קיין נאָז
צו דעם געשטאַנק!
עס טוט מיר באַנג
די צייט, וואָס כ'האָב פאַרבראַכט,
א האַלבע נאַכט...
טפוי...

(גייט אַריין אין שטוב, פאַרפראַלט די טיר. דער פּאָעט פאַרשווינדט אין וואַלד, עס הערט זיך—
די גריל).

* *
*

איך גיי אַרום אין פרעמדן וואַלד.
עס לייכט די זון, דאָך מיר איז קאַלט.
זינגען וויל איך, מיין געזאַנג
ווערט פאַרשטומט אָן ווידערקלאַנג!

עס איז קיין פרייע ליבע וועלט,
עס גרינט און בליט דאָס פרעמדע פעלד;
איך רייס א בלום און ליג אין שוים,—
אַך, מיך שטעכט די פרעמדע רויז!

* *
*

וואָס איך וויל פון דיר?

אין די וויסטע לאַנגע נעכט,
ווען דער גראָער וואָלקן
טריפט מיט פייכטער קעלט
אויף דער גראָער ערד...

און די נשמה—גראָ,
מיט פייכט־גראָע שאָטן דורך און דורך געוועבט,
אין פוילן פיבער פאַרציטערט,
קען זיך קיין ליכט נישט דערמאָנען,
און קיין הימל, קיין צושמייכלט בלאָעם...
ווען ס'דאכט זיך: אויף אייביג שוין
איז די זון פון אונזער וועלט פאַרשוואונדן,
און פון לעבן,
און פון חלום איבער לעבן,

בלאַסע קינדער וועקן זיך
פון קראַנקן שלאָף,
ליגן מיט שטאַר געעפנטע אויגן און פרעגן :—
מאַמע, איז ווירקלעך געווען אַמאָל אַ טאָג,
האָט ערגעץ ווירקלעך אַמאָל אַ זון געשטראַלט ?
אָדער דו האָסט עס אויסגעטראַכט,
אַ מעשה'לע פאַרציילט...
גאָט האָט קיינמאָל קיין זון נישט באַשאַפן,
און עס איז קיינמאָל קיין טאָג נישט געווען...

אָ, דערמאָנט קום
און הויב די שווערע ברעמען אויף :
און גלויבן גיב
אין ליכט, אין טאָג.

* *
*

וואָס איך וויל פון דיר ?
ווען דער טויט פאַרשפּרייט
זיינע ווייסע פליגל איבער באַרג און טאָל...
די אויסגעבלייכטע נשמה, אָן קלאַנג און פאַרב,
אָן האָפנונג און פרייד,
פרירט ביז'ן טיפסטן און ציטערט...
און פאַרשנייטע הערצער קלאַפּן שטיל, שטיל,
שטערבלעך מיד און ווי פאַר'סמ'ט...
און דאָס בלוט אין ד'אָדערן קילט ;
און שווער ווי בליי פאַלן די ברעמען
איבער מידע ווייס־אָנגעזאַפּטע אויגן,
און בלאַסע, ווייסע ליפּן ציטערן, פרעגן :
האָבן ווירקלעך בלומען אַמאָל געבליט ?
האָבן ווירקלעך רויזן אַמאָל געשמעקט ?

און גרינע גרעזלעך האָבן געשפּראָצט?
און אונטער'ן בלאָען הימל
גאָלדענע זאַנגען זיך געוויגט?...
אָדער דיכטער האָבן איינגעוויגט,
מיט חלומות וועגן פאַרבן,
און מיט טרוימען וועגן בליען
די הערצער ־ מיד...

— — — — — — — — — — — — —

אָ, דעמאָלט, דעמאָלט קום צו מיר,
זאָל דיין אָטעם אָן רויזן דערמאָנען...
און איך וועל פילן און גלויבן,
און גיין אַרוים צו דער וועלט מיט א בשורה:
פאַראַן! פאַראַן!

* *
*

און אין מיין לעצטער מינוט...
אָ, דעמאָלט קום צו מיר!
איידער עס ברעכט דאָס אויג,
דיך וויל איך די לעצטע זען,
און נעמען מיט אַהין דיין בילד
אויף אייביג שוין...

פון ישעיהו

פון אדום ווער קומט עס,
פון בצרה ווער גייט,
מעכטיג די טריט,
געררויטלט דאָס קלייד?

— איך דער פאַרגעלטער
און העלפער אין נויט!

— וואָס איז דיין קלייד אזוי
פלאַמעדיג רויט?
האָסטו געטרעטן
וויין אין א קעלטער?

— געפאַרבט איז מיין קלייד
פון בלוטיגן וויין;
אין קעלטער געטרעטן
און — איינער אַליין!

פול איז דער קעלטער,
און איך בין נאָר איינער;
די פעלקער גערופן,
געקומען איז קיינער!

האָב איך מיין אָרעם
צו הילף מיר פאַרבעטן,
מיין גרימינגן צאָרן,—
און פעלקער געטרעטן,

ווי טרויבן אין קעלטער,
איך איינער אליין!

און ס'טריפן די קליידער
מיט בלוטיגן וויין!

זעקסטע אָפּטיילונג

מאָניש

איר ווייסט—מן הסתם—
די וועלט איז א ים,
מיר זיינען פיש;
(טייל זיינען העכט,
שלינגען ניש'־שלעכט...
זאָגט, אפשר ניש'?)

די וועלט איז א ים,
ברייט אָן א שיער;
די פיש זיינען מיר,
די פישער איז ס"ם 1)

* *
*

ער האָט זיך אַלס פישער
ביים לעבן געשטעלט!

1) ס"ם: ראשי תיבות (איניציאַלן) פון סמאל, דעם שר פון גיהנום.

די תאוה—דאָס ווערימל!—
פירט איבער די וועלט?

עס כאַפּט וואויל די אנגעל
א פיש נאָך א פיש;
עס דאַכט זיך א ווערימל—
א בליק נאָר, א קיש...

נאָר באַלד נאָכ'ן ווערימל
גייט—האָקן און שטריק;
געעקט מיט'ן לעבן,
א סוף פונ'ם גליק.

* *
*

און יעדערער ווייסט עס,
און יעדערער קען אים,
דעם שמד'ניק, דעם שטן,
דעם שר פון גיהנום;

און זעלטן איז עמיץ
באַשירמט און באַהיט...
אַט, אייך צו וואָרענען,
זינג איך מיין ליד!

א.

ס'אי' געווען אַמאָל אַן עלוי,
נישט געקענט די וועלט אפילו
נישט געווען אין קלאַס,
פרום דער טאַטע, פרום די מאַמע,
די משפחה—לומדים סאַמע,
גאָר פון עקסטן פאַס!

סאַמע גאונים און למדנים,
מיט אַן „אלף־בית רבנים",
ס'קלינגט מיט איר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגן:
זיי וועט אַלע איבעריאָגן,
מאָניש אונזער העלד!

מאָניש איז א וואוילער יונג,
ר'האָט א קעפּל פייער פלינק,
אָנגעפילט מיט תורה!
טרעפט אויך באַלד אריין אין קאַרב,
מעג דער רמב"ם זיין ווי האַרב,
און דערצו נאָך א בעל־קורא!

און א שיינער יונג—א פּראַכט.
שוואַרצע לאָקן ווי די נאַכט,
קאַרמען ליפּן—רויזן צוויי!
שוואַרצע ברעמען ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלאָע אויגן,
און א פייער ברענט אין זיי!

יעדעם ביינדל אין אים לעבט,
און ער גייט נישט, נאָר ער שוועבט;
אַנצוקוקן איז א פרייד!
מיידלעך ווערן רויט און בלאַס,
אז ער ווייזט זיך אויף דער גאַס,
אז דער שיינער מאַניש גייט!

ד׳יונגע רביצין אין חדר
זיצט א גאַנצן טאָג כסדר,
הערט, כלומרשט, ווי מ׳קנעלט!
ס׳לויפט די יויך, די מילעך ברענט,
און זי זיצט פארליינט די הענט,
קוקט אויף מאַניש׳ן און קוועלט!

און דער שכנה—שיינע האָדל,
פאַלט פון האנט אַרוים די נאָדל,
לאָזט זיך אונזער מאַניש הערן!
עס פארפעלט איר אָטעם, דאַך׳,
און עס נימט אין הארץ א שטאָך,
און—עס קאַפען הייסע טרערן...

* *
*

דאָך—ווי גאָלד איז אונזער מאַניש,
פון דעם אַלעם ווייסט ער גאָרניש׳;
שטן, ביזט געפּלעפּט!
ער האָט ליב א בלאַט גמרא,
ער האָט חשק צו׳ן א סברא,
„שור שנגוז את הפרה“,
דאָס איז זיין געשעפט!

געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך ד'אַלטע באַלעבאַטים,
מיט מעשענע ברילן
און זילבערנע בתים.

גאָלד'נע עטרות
און אייזערנע מחות;
אַנדערע יאָרן
נאָר אַנדערע כחות.

פול ס'בית־המדרש
מיט קאַרפּענע קעפּ!
מען לערנט נאָך אין פּאָליש,
מען זיצט אויף די טרעפּ,

עס ווערט נישט פאַר חצות
קיין ליכטל פאַרלאָשן;
און פּראָזשבעס צו רענדלעך:
און תורה מי'גראָשן!

און דעמאָלט האָט מאָניש
אַלס עלוי געשמ'ט;
די גרעסטע רבנים,
פון ווייט פון דער פרעמד:

דער פּטיש 1) פון לאַשטשעוו
דער „סיני" 2) פון קאָזיץ,

---

1) א האַמער. 2) דער באַרג סיני.

דער מאור הגדול 1)
פון קליין־מאזעלבאזיץ 2),

זיי קומען אמישנע
פארהערן דעם עלוי!
און טאנצן פאר שמחה:
„אתחלתא־דגאולה" 3)

— „וואויל איז דער מאמען, וואס האט אזא זון,
וואויל איז דער מאמען וואס וועט'ן דערצי'ן,
וואויל איז דעם דור, וואס אים פארמאגט!
אין משיח'ס צייטן ווערט אזוינס געבוירן!
אָ, ירושלים, עפען דיינע טירן!"
דאס האבן אלע רבנים געזאגט!

ב.

אויפ'ן בארג אררט
אויפ'ן הויכן בארג
וואס טראגט דעם אייביגן
שניי אויפ'ן קארק.

אויפ'ן בארג אררט—
לויט עס איז באשריבן—

---

1) דער גרויסער לייכטער—די זון דאס אלץ זיינען טיטולן פון גרויסע רבנים. 2) „מאדלע־באזיצע" א פויליש שטעטל. 3) משיח'ס צייטן.

איז מיט דער תיבה
נח שטיין געבליבן.

און איז אַרויס פון קאַסטן
מיט שם חם און יפת,
און מיט אַלע חיות,
בהמות און עופות...

און זיי אַלע זעען
מיט ד'אייגענע אויגן,
ווי ס'הענגט אין הימל
גאָט'ס פיילנבויגן!

און הערן גאָט'ס שבועה:
„דאָ שווער איך דיר, וועלט!
עס וועט דיר נישט פעלן
קיין היץ און קיין קעלט!

כאָטש רצח'ע און הרג'ע,
כאָטש גנב'ע און מסר,
איך וועל דיך נישט טאָפּיען
שוין קיינמאָל אין וואַסער!"

געטאַנצט האָבן חיות,
חם האָט געלאַכט,
נח האָט די ערשטע
כוס'ע געמאַכט.

געשטאָרבן שוין אַלע...
א פעקל מיט יאָרן!

עס שטייט דאָך די תיבה
ביז היינט לזכרון

דאָרט הינטער די שנייען.
און ס'הענגט אויף דער וואַנט
עד היום דער צהר
דער גרויסער בריליאַנט.

און דאָרט, אין דער תיבה,
אין שנייען און פרעסט,
דאָרט האָט זיך סמאל
געפלאָכטן א נעסט.

און גענן דעם צהר
קעמט אל' אין דער פרי
לילית די גאָלדענע
לאָקן זיך צו.

זי קעמט זיי און קרייזלט,
און פלעכט זיי קאָקעט,
און סמאל ליגט זיך
און רויכערט אין בעט;

זיי שמועסן פאַרטרויט
פון דעם און פון יענעם,
וועמען צו פּאַקן
אריין אין גיהנום;

וועמען צו שמייסן
מיט אייזערנע ריטער,

ווענען צו פּרעגלען
צום פרישטיק אויף פּוטער!

נ'א שיינעם מאָרגן
קלינגלט עס שטאַרק
עס ציטערט די תיבה,
עס צאַפּלט דער באַרג,

עס שפּרינגט שיר סמאל
אַרוים פונ'ם בעט,
„אריין!" עס באַווייזט זיך
דערשראָקן א שד.

מיטגעבראכט האָט ער
אן עקסטרא־„ראַפּאָרט",
קוים וואָס ער שלוקערצט
א וואָרט נאָך א וואָרט;—

— „אך, גרויסער מלך!
עס ציטערט דיין טראָן...
— וואָס איז געשען?
געשווינד, הער באַראָן!

—„אין קעניגרייך פּוילן,
הארט ביי דער גרעניץ,
ליגט זיך א שטעטעלע
גרוים ווי א געניץ.

און קוים וואָס מען זעט עס,
מען הערט עס אויך זעלטן;

הייזלעך ווי ניסלעך,
פון שמות געצעלטן...

איינגאַנצן א צענדליג,
צו ציילן אויף פינגער!
עס בייסן די ציגן
די דעכער פאַר הונגער!

און שטיל ווי א קברות;
מענטשן ווי מתים.
קיין גאוה, קיין תאוה,
מע' לעבט פון תעניתים;

קיין חסידים, קיין דייטשן—
האָט תורה א קיום,
וואַקסן רבנים,
מע' פּאַשעט עלוים...

צינד וואַקסט נאָך א גאון!
וואָס וועט נאָך פאַרשעמען
גאַנץ פּוילן און ליטע,
און זאַמוט און בעהמען.

און לאָזסטו אים וואַקסן,
און לאָזסטו אים פריי,
ביזסטו—חלילה!—
הוד מלכות, פאַרביי!

האָסטו פאַרלוירן
גאַנץ פּוילן און ליטע...
איז—חס ושלום!—
אן עק פון נישט גוטע;

ווען ער אונז יאָגן
מיט שרעקלעכער האַס,
און ברענגען משיח'ן—
חלילה וחס !—

דער ימח־שמו
ווי ר'האָט עס דערהערט—
איז אים די נשמה
געוואָרן געשטערט.

ליגט ער און טראַכט,
טאָג אַזוי נאַכט,
און רייבט זיך, און רינצלט דעם שטערן :
— ג'וואַלד ! לילית קרוין !
אַן עצה גיט ! שוין !
אַזוינס קען די וועלט איבערקערן !

די גום איז האַרט !
נאָר, מיין מאַן, וואַרט,
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין,
נצחון איז זיס !
גרייט אָן די שפּיס,
דער בראָטן וועט קומען אַליין.

אַ גאָט, האָב רחמנות,
זיי זוכן נקמה !
האַלט, אידן, תענית
פאַר דער נשמה !

עס שווינדלען די אויגן,
היים ווערט און קאַלט...
זי הענגט אויף א הערל,
אַט, אַט, אַט, זי פאַלט!
אַט פאַלט פונ׳ם הימל
א ליכטיגער שטערן;
אַט וועט אין גיהנום
א שמחה שוין ווערן!

ג.

טראַ־ראַ־ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
צי האָט נישט דאָרט עמיץ
משיח׳ן געזען?

ווען בלאָזט מען שופר?
דאָך אלול נישט תמוז!
צי איז ער משוגע
געוואָרן, דער שמש?

וואָס בלאָזט עס און פייפט,
וואָס דונערט און קנאַלט?
צי פלאַצן די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?

עס פייפט און קנאַלט,
עס זעצט און עס קנאַקט...
עס יאָגט אן עקסטראַ־
פּאָסט פון טראַקט!

אך, ווער האָט אזא
קלינגען געהערט?

עס פליען ווי רוחות
נאַשפּיץ די פערד!

עס קלינגען די גלעקלעך
וואָס אַמאָל פרייער!
עס שפּריצן די פּאַדקאָוועס
פונקען און פייער,

עס שלענגלט זיך, קנאַקט
אָן רחמים, די בייטש!
מען שטייט מיט אָפענע
מיילער: וואָס טייטש?

צוזען דאָס וואונדער
זיינען אַרויס
קראַנקע פון בעטן,
לומדים—פון קלויז,

קינדער פון חדר—
איינס אין דער מיט,
אין האַנט תחתונים—
פון אונטער דער רוט.

דאָרט לויפט אַ שוחט,
בלייך ווי די וואַנט,
אַ נישט דערקוילעטער
האָן אין דער האַנט.

ער האָט אין מיטן
דאָס פייפן געהערט,

און—במקום דעם האָן—
דעם חלף—אויף דר'ערד.

און פליט אויפ'ן רב'ל
אַרויף ווי אַ קויל
אַריין מיט'ן חוטם 1)
אין אָפּענעם מויל!

און דאָ לויפט א טויבע
און ברעכט זיך די הענט:
שרייט, אידן, העכער—
אידן, וואו ברענט?"

אויסגעלאָזט האָט זיך
די מעשה גאָר פּראָסט:
א דייטש איז געקומען
פון דאַנציג מיט פּאָסט!

מיטגעברענגט האָט ער
נאָר אוצרות מיט געלט:
גיין וועט א מסחר!
זיין וועט א וועלט!

און גאָט האָט דאָס שטעטל
מיט מחיה באַגליקט,
ער האָט זיי פון הימל
אן אוצר געשיקט:

---

1) נאָז.

עס האַנדלט דאָס דייטשל
מיט כל־ערליי תבואות,
און צאָלט אַלץ אין בארען!
און מאַכט נישט קיין שהיות!

אַלץ ווערט מיט גאָלדענע
רענדלעך געוואויגן,
דעם סוחר ווערט פרייליך
און ליכטיג אין ד'אויגן!

הויבן אָן האַנדלען
די שוחטים... דיינים...
עס לויפן, עס קויפן
מלמדים, בטלנים...

אַז אַלעס איז סחורה,
פון פּאַרשוס—א רעגן!
און פוי'רים מיט פורן
פאַרלייגן די וועגן!

און אַלץ איז א סחורה,
געקויפט און געשמועלט!
שיטן אָן אידעלעך
פעסלעך מיט געלט.

אַך, ווער געדענקט
אַזאַ גאָלדענע צייט?
מען טראָגט אין דער וואָכן
נאָר אַטלאַס און זייד!

און חתונות מאַכט מען
טאָגטעגלעך כסדר:
באַוואָרפן די שניידער
מיט חתונה־קליידער.

עס זיינען אָן הענט שוין
די קלעזמער געבליבן,
די חופּה צעריסן,
די שטאַנגען צעריבן,

עס האָט שוין דער בדחן
קיין כח צו לאַכן;
מען קריגט שוין קיין וואַקס נישט,
הבדלות צו מאַכן:

לעקעך פאַר ברויט־שטאָד!
און ניס, פּאָמעראַנצן!...
עס קאָכט ווי א קעסל
דאָס שטעטל אינגאַנצן!

נאָר דער דייטש האָט מיטגעבראַכט
א בת יחיד'עלע א פּראַכט:
גאָלד'נע לאָקן ביז די פיס!
אויגן בלישטשען ווי די שטערן,
און א קול—א פרייד צו הערן!
און א שטימע—צוקער־זיס!
און זי גייט נישט, נאָר זי שפּרינגט,
און זי רעדט נישט, נאָר זי זינגט,
פריילעך, לוסטיג טאָג און נאַכט!
און לאָזט אַרויס איר קול מאַריע

העלפט דאָס גאַנצע הויז איר צו,
קנאַקט פאַר לאַכן, ווען זי לאַכט!

כאַ! כאַ! קלינגט עס ווי א גלאָק!
יעדעס שטיינדל, יעדעס טשוואָק,
וואַנט און דאַך! דאָס הויז אינגאַנצן!
עס לעגט די נאָל אַוועק דער שוסטער,
און דער מאַרשאַלעק דער וויסטער
כאַפּט זיין „גרונע" טאַנצן!

דער שמש איז א פּעסימיסט,
און—אַ'ך־לעבן—נישט אומזיסט,
מיט א שלאַנג איז ער געזעסן!
און לאַכט מאַריע, נו, לאַכט ער מיט,
און לאַכט פון האַרץ, געזונט און גוט,
„קול באשה"?—גאָר פאַרגעסן!

און אז מאָניש גייט כסדר
יעדן מאָרגן פרי אין חדר,
בלייבט ער שטיין ביים טויער...
דעמאָלט זינגט א פּראַכט מאַריע,
און איר טרעלן־מעלאָדיע
דרינגט אים טיף אין אויער!

עס דרינגט אַריין אין האַרץ אים טיף!
און אויפ'ן אייגענעם מאָטיוו,
מיט דער זעלבער מעלאָדיע,
זינגט דערנאָך ער די גמרא,
און איז מטעים יעדע סברא,
דרייט נאָך מיט'ן פינגער צו!

נאָר א שוויים ליגט אויפ'ן שטערן,
און די אויגן—פייכט פון טרערן,
און דאָס פּנים בלאַס, ווי קרייד.
דער רבי זיינער זיצט פאַרצוקט,
ס'שטייט די רביצין און קוקט:
„אוי, ווער ווייסט, וואָס דאָס באַדייט!"

* *
*

דער פאָטער—פאַרנומען,
אין אַלעם פאַרגעסן;
אין דער היים—זעלטן
א שבת געזעסן.

עס זעט דאָך די מוטער
ווי מאָניש פאַרשווינדט;
זי שרעקט זיך און פרעגט אים:
וואָס איז דיר מיין קינד?

וואָס לאָזט זיך דיין קול
אַזוי וויינענדיג הערן?
וואָס האָסטו אין ד'אויגן
נאָר טרערן און טרערן?

וואָס ביזטו אזוי בלאַס,
מיין איינציגעס קינד?
ווער האָט דיר פאַרלאָשן,
זאָג, וואָס פאַר א ווינט,

די אייגעלעך דיינע,
די שיינע הבדלות?

וואו האָסטו געגומען
ניגונים—יללות ?

* *
*

אָן אן עין־הרע,
געזונט זיי און שטאַרק,
דו פלעגסט דאָך צו זינגען,
פונקט א קאַנאַר'ק,

א שטיינער, א וואָלאָך,
צי אנדערע זאכן !
עס פלעגט דאָך פאַר תענוג
דאָס הארץ אין מיר לאַכן,

אז דו פלעגסט זינגען
די זמירות ביים עסן ; —
היינט האָסטו גאָר יענע
ניגונים פארגעסן !

היינט זינגסטו גאָר אנדערש,
היינט זינגסטו ניש' גוט,
עס קלעמט מיר דאָס הארץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט ;

עס שניידט, ווי מיט מעסער,
אין הארץ דיין געזאנג !
וואָס איז פאר א שטיינער,
וואָס איז פאר א גאנג ?

— — — — — — — — — — —

פלעגסט אמאָל העלפן
דעם חזן אין שול...
נאָר אנדערע קולות,
און אנדער געפיל;

אצינד עמיץ אנדערש
זינגט פון דיר ארויס!
וואָס איז דיר, מיין לעבן,
דער מאַמען זאָג אויס!

— — — — — — — — — — —

— צי ווייס איך דען, מאַמע,
וואָס ס׳זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נאָר, אין הארץ איז
נאָר אנדערש ווי פריר!

איך ווייס נישט, וואָס ס׳איז מיר,
עס נאָגט דאָך אין הארץ;
און פּלוצלונג פאַר ד׳אויגן
ווערט פינצטער און שווארץ...

עס הויבט אָן צו ברענען
ווי פייער אין מח;
עס רייסן זיך קולות
פון האַלז אויס מיט כח!

און אָטעם פארפעלט מיר,
ס׳איז ענג אין דער ברוסט,
איך וויל זיי פארהאַלטן,
די טענער, אומזיסט!

זיי פליען ווי פייגל
ארוים פון א נעסט...
און—אַזוי זינגט זיך...
אַט, ווי דו זעסט!...

ד.

אנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען,
ר'זאָל פאַר גוים גויש זינגען
נישט פאַר אידן, נישט „זשאַרגאָן"! —
קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן!
ס'האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל
נישט קיין פאַסנד וואָרט, קיין סטיל...

אונזער אידיש האָט נאָר וויצן,
האָט נאָר שפּיצן, בלאַנקע בליצן;
ווערטער ווי פאַר'סמ'טע שפּיזן!
אין אים לאַכן, וויינען ריזן!
ר'איז ווי גאַל, ווי פּיאָלון ביטער
און ער דרעשט דאָס לייב מיט ריטער.

ר'איז אינגאַנצן בלוט און טרערן!
קענסט אין יעדן אויסדרוק הערן
ווי דער ים — פון צרות זיד,
ווי עס ברעכט דאָס הארץ דעם איד...
נאָר, כאָטש פּלאַץ דאָ אויפ'ן אָרט,
ס'האָט קיין לעבלעך ווארעם וואָרט!...

קיין איינציג ווארט איז צארט און גלאט,
עס איז פאר ליבע טויט און מאט—
„הערצל", „זעלע", „שאץ" און „שעצל" —
ס'האט א טעם ווי לאקריץ-פלעצל;
עס האט קיין טעם, עס האט קיין זאלץ,
און עס שמעקט נאך חזיר-שמאלץ!

איך האב צו'ן אייך קיין טענה-מענה,
וואס די ליבע איז אייך פרעמד;
ווענוס שפרינגט ארויס פון פיענע
נ'מיטן ים און אן א העמד!
און אמאר מיט בלינדע אויגן,
בארוועס, נאקעט לויפט ער, פליט;
שפילט זיך מיט א פיילנבויגן —
קען דאס פאסן פאר א איד?

* *
*

ווייבער האב'מיר סאמע צנועות!
ס'וועט קיין ליבע נישט פארלאנגען!
אונזער מאכטער מאכט קיין שהיות:
נדן, תנאים, חופה-שטאנגען!

און מען לעבט דאך ביי אונז אידן
גאנץ בשלום, גאנץ צופרידן;
ווי פאסאליעס שיט מען קינדער!
טרעפט זיך זעלטן, פאר אין ברירה,
טוט א איד אויך אן עבירה;
דם-ובשר, ס'איז קיין וואונדער!

נאָר ער וועט נישט פּלעטשן, פּראַלן:
„זאָנע, מאָנד און זילבער־שטראַלן”
נישט פֿאַר וואַסער, ניש' פֿאַר פֿייער!
ר'לויפֿט אין מקוה אַריין געשווינד,
וואַשט פֿון לייב אַראָפּ די זינד,
וואַרפֿט דערנאָך א האַרטן דרייער

דעם בעל־נס אַריין אין פּושקע;
וויל ער, פּאַסט ער נאָך א תענית
און ער שווערט זיך אויף נאמנות:
ס'איז איננאַנצן ווערט א שישקע!

אינ'ם שטעטל איז געוועזן
פֿון קדמונים א מפּולת:
דאָרטן פֿלעגן לצים וואוינען,
מוזיצירן, מאַכן קולות.

קרייען, מיאַוציען, קוויטשען, בילן,
אָדער סווישטשען ווי דער ווינט,
אויפֿ'ן דאַך גייט אויף דער וואַך
אַרום אן אַלטער שוואַרצער הונט!

ס'פֿלעגט אַרוים צו וואַרפֿן שטיינער,
גאַנצע פֿודן אויף דער וואָג,
און עס פֿלעגן זיך באַווייזן
די נישט־גוטע טאָג אויף טאָג!

ווייבער, מענער, אידן, קריסטן
וויכן לאַנג די גאַנצע גאַס;

אוּן מיט הויכן גראָז באַוואָקסן
שטייען הייזלעך פּוסטע־פּאַם!

דאָרט ביינאַכט באַווייזט זיך מאַניש,
צו דער חורבה גייט ער צו,
ס'קלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביי'ן אַ גזלן:
דאָרטן וואַרט אויף אים מאַריע!

אים באַגלייטן צוויי מלאכים:
אין דער לינקער זייט אַ שלעכטער,
אוּן, מיט טרערן אין די אויגן,
גייט דער גוטער אין דער רעכטער!

אוּן דער גוטער מלאך רוימט אים
אין דעם רעכטן אויער אַריין:
„האָב רחמנות! דיין נשמה
זאָל פאַר גאָט ניש' זינדיג זיין!"

„וויס, די וועלט האָט ער באַשאַפן,
„וואָס אין הימל, וואָס אויף דר'ערד!
„זון, לבנה, אַלע שטערן,
„אַלע אָקסן, אַלע פערד,

„ער פאַרזאָרגט אויך לייבן, בערן,
„גיט פּרנסה שאָף אוּן רינדער...
„האָט דעם מענטש זיך אויסגעקליבן,
„ער זאָל ליבן זיינע וואונדער.

„אוּן דעם תמצית פון די אומות
האָט ער אידן אויסגעצויגן,

„און זעקס־הונדערט־דרייצן מצות
„אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוואויגן!

„טו נאָר תשובה, און ער וועט דיך
„מיט ש״י עולמות פאַרגעלטן!
„אוי, באַרעכן! איז מאַריע דען
„ווערט דריי הונדערט מיט צען וועלטן?״

חוזק מאַכט דער שלעכטער מלאך,
רוימט אין לינקן אויער אַריין:
האָסט נאָך צייט אויף עולם הבא!
און ער וועט דיר מוחל זיין!

צי האָט ראובן נישט געזינדיגט?
אָדער דוד און בת שבע?
אַלע זיינען אין גן־עדן...
ווייל ער האָט א גוטע טבע!

און א ליאַדע קרום, א טרער,
אין א ווינטער־טאָג א תענית,
און א וואָרט, „איך וועל נישט מער!״
און ער גלויבט דיר אויף נאמנות!

אזוי טענה׳ן די מלאכים.
און דער ישוב דויערט ניש׳ לאַנג...
אַט זי וויזט זיך שוין אין פענצטער,
און עס הערט זיך איר געזאַנג!

פלאַמען ברענען איר אין ד׳ אויגן,
אַלע תאוות—אין איר ליד!

און ער פליט שוין פייל פון בויגן,
און דאָס בלוט עס קאָכט און זידט!

טויזנט גרילן, טויזנט שפינען,
פלעדער מייז און איילן הערן
זייער זינגען, לאכן, קושן,
זייער קושן, האלזן, שווערן...

און ער שווערט איר הייסע ליבע
ביי זיין לעבן, ביים געזונט;
דאָך זי שמייכלט: אזא שבועה,
טראָגט אוועק דער לייכטסטער ווינט!

און ער שווערט איר ביי די ציצית,
ביי די פאות, ביי די תפילין,
און ביי שופר של משיח...
— „זאָג, וואָס נאָך? אום גאָטעס ווילן!"

און ער שווערט איר הייסע ליבע
אלץ פארברענטער און פארשייטער,
און זי שמייכלט, און זי בעט זיך:
שווער נאָר ווייטער, ווייטער, ווייטער...

און ער שווערט איר ביי זיין טאַטן
ביי דער גוטער פרומער מאַמען;
ביי דער באָבען, ביי דעם זיידן,
און ביי אלע נאָך צוזאַמען...

אויף איר ליפּל שפּילט א שמייכל
און די אויגן אירע גלאַנצן,
און זי בעט זיך: ווייטער, ווייטער!
זי וויל זיכער זיין אינגאַנצן!

ווייל א בחור קאָן פארפירן,
קען פארגעסן, האָט זי מורא...
און ער שווערט איר ביים פּרוכת,
ביי דעם כתר, ביי דער תורה!

און זי בעט זיך: העכער! העכער!
זי וויל זיכער זיין אינגאַנצן!
און זי כשופ'ט מיט איר אָטעם
און די אויגן בלישטשען, גלאַנצן...

און ער גרייפט אַלץ העכער, העכער,
האָט גאָט'ס נאָמען אויסגערופן!...

— — — — — — — — — — — — —

פונ'ם הימל קנאַלט א דונער;
פון גיהנום פונ'ם טיפן

א געלעכטער א גערודער.
און פון שוועבל יאָגט א ריח
און ער פליט שוין „פּאַד קאַנוואַיעם"
אויף א בעזים אין דער הויך.

אויפ'ן בארג אררט דאָרטן
איז א לעבן, א געפּילדער,
ס'איז א באַל דאָרט אין דער תיבה,
און א שרעקלעכער, א ווילדער!

און קאפעלן (יענע װעלטי־
גע ציגײנער) מוזיצירן,
און שאמפאניער—װי װאסער,
און די רוחות קאנקאנירן!

לאמפן—טױזנט פעסער סמאלע,
די רשעים זײנען קנויטן;
ס׳גײט ארום אן־עקסטרא־שד׳ל
מיט א שערל צו די צויטן!

און די קעניגין איז לילית!
אין די אויגן האט זי בליצן;
און סמאל טראגט איר לאנגע
שלעפ מיט בראבאנדער שפיצן.

— — — — — — — — — — — — —

אין דער טיר דארט שטײט געשלאסן
אונזער מאניש אויף א קײט...
און מען לעגט שוין אן א פײער
און די שפיז איז צוגעגרײט!

דאָס פּאַרטון

מיט די פיס שטאָלפּערט א מענטש אויף דער ערד; מיט'ן קאָפּ שפּאַרט ער צום הימל.

וואונדערט זיך עס נאָר אין דעם, וואו דאָס האַרץ איז!

ביי די פיס, און זיין גליסטונג איז צום עפר ואפר, —

אָדער ביים קאָפּ, און עס גאַרט צו די עולמות העליונים...

איז א איד מקיים „מאשפּות ירים אביון" — ער הויבט אויף דאָס גליסטונג פון מיסט. ער טוט אָן א גאַרטל, טיילט דעם גוף אויף צוויי און זאָגט: דאָס האַרץ געהער אַרויף צום קאָפּ! האָבן אויף אים טאַקע קיין שליטה נישט קיין שדין ולילין און קיין דבוקים, רחמנא לצלן...

און נשים (ווייבער) טראָגן צוליב דעם אייגענעם—פאַרטיכער!

ואל יהי ענין הפאַרטוך קל בעיניך. איר זאָלט דאָס פאַרטוך פאַר גרינג נישט האַלטן, —

הערט א מעשה, וואָס איז געשען אין ראַכיוו.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ראַכיוו איז א שטעטל נישט ווייט פון אַפּט; פון אַפּטער, זכר צדיק לברכה, האָט איר אודאי געהערט.

צעשפּרייט איז עס ביים ברעג פון דער ווייסל; לעבן לעבט עס פון געהילץ, וואָס קומט פון די אַרומיגע וועלדער און גייט איבער דער ווייסל קיין דאַנציג; דעמאָלט א גרויסער מסחר געווען.

זיינען געווען דאַנציגער סוחרים, אין די גרויסע פעדערן גע־גאַנגען. מקיים געווען „וחי אחיך עמך״; האָט פון זיי געלעבט דער מעקלער, דער שרייבער אין וואַלד, דער שיפער, וואָס פירט די מעסערס ביז דער קעניגסבערגער מיל, וואו עס נעמט זיי שוין איבער דער דייטש, און — דאָס גאַנצע שטעטל.

ווינטער, עס שטעלט זיך אַ שליט־וועגס, ציען זיך שוין פון די וועלדער, איבער׳ן שטעטל צום ברעג־צו, פורלעך מיט אַלערליי געהילץ: באַלקן, שוועלן, אונטערלאַג. צוריקצואוועגס אהיים, שטעלט זיך דאָס פויערל אָפּ אין מאַרק. לייזט דער שענקער פאַר אַ ביסל בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ, לייזט דער אייזן־קרעמער פאַר אַ שטיקל אייזן, פאַר אַ קאָסע... לייזט די שטעל פאַר זאַלץ, פאַר שמירעכץ... דער קאָוואַל (אויך אַ איד) פאַרריכט אָדער שלאָגט אָן אַ פּאָדקאָווע, די זיצערין — פאַר אַ בייגל פאַר אַ חולה־ילד.

רייך מאַכט נישט דער פויער; לחם לאכול גיט ער.

גייען אַוועק די פּאָר חדשים, הויבט אָן לאָזן דער פראָסט. אַ וואַרימער ווינטל בלאָזט, יאָגט אָפּ די עננים, די זון הויבן אָן ארויסצוקריכן פון פוטערפאַס; זומער־לעב זאָגט אָן זיין קומען; פּאַקט זיך דער היימישער שיפער, קומען מיט די רענצלעך שיפער פון די אַרומיגע שטעטלעך. לייזט דער גאַסט־הייזער; גרייט מען זיך אין וועג אַריין, קומט מען ווייטער אָן צום סוחר, קויפט מען איין בשר געראויבערטס, פעטס, זאַלץ, גרויפּן, אַ פעסעלע י״ש — צידה לדרך פאַר די פליסן, וואָס אַרבעטן אויף די מעסער... הויבט באַלד אָן צו רודערן ביים ברעג. פויערלעך קומען פון די דערפער, יעדערער מיט זיין נעץ, אַ פישל צו כאַפּן, און מיט זיין פענדל, דאָס פישל צו בראָטן, און שטעלן זיך, איבער דער גאַנצער לענג פון ברעג, יעדערער זיין שטרויעןביידל אויף. —

שטייט אין ראַביוועד מאַרק, פון בעלות ביז מנהה, אין דער לופט א געקלאַפעריי פון העק און האַמער. דאָס שלאָגט מען אויפ׳ן ברעג דאָס געהילץ צוזאַמען...

אַמאָל, אין מיטן דער נאַכט — עס הויבט אָן פלוצלונג צו דונערן: די ווייסל רירט, דאָס אייז פּלאַצט. דער ווינט טרייבט טאָוולען אויף טאָוולען, גאָרן אויף גאָרן. נאָך עטלעכע טעג: דער ווינט האָט זיינס געטאָן, די זון—אירס, דער פויער האָט געהאָלפן מיט קילאָף און לאָפּאַטע, — אָפּגעשוואומען דאָס אייז, באַפרייט געוואָרן דער טייך, מען לאָזט אַראָפּ די מעסערס, עס שווימען אַנ־דערע פּאַרביי...

עס לעבט דער ברעג און קאָכט; די אָרימע אידענע פון שטע־טעל ציט חיונה פון דער שטעל ביים ברעג; פאַרקויפט אויבס, געווירץ, זאַלץ; בגנבה—דעם ביטערן טראָפּן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איר מיינט אודאי, איך האָב אינ׳ם פאַרטוך פאַרגעסן! הויבט זיך נישט אָן. איך האָב אייך פריער געוואָלט אויסמאָלן ראַביוו, וואו די מעשה איז נעשען.

אָט, אין דעם ראַביוו איז אַמאָל נפטר געוואָרן א דין, איבער־געלאָזט האָט ער דוקא נישט קיין סך: אָן אלמנה און אינגאַנצן איין—יתומה... קהל האָט באַלד אויפגענומען אָן אַנדערן דין, און דער האָט זיך מתחיב געווען, אוועקצוגעבן דער אלמנה מיט דער יתומה א פערטל שכירות. האָט ער נישט מקיים געווען. קיין שרפ״ט האָט דאָס שכירות נישט באַטראָפן, א מטופל א גרויסער איז ער געווען. שרייט די אלמנה צו קהל, לאָזט נישט אויסנע־מען... בלייבט, מען זאָל איר געבן עטלעכע גילדן, זי זאָל זיך מאַכן א שטעל ביים ברעג. גראָד א אידינע געשטאָרבן, באַפרייט

געוואָרן א שטעל. וכך הוה, די אלמנה מאַכט זיך א שטעל, דאָס מיידעלע טראָגט איר נאָך די קיישלעך אהין און צוריק. און גיט איבער'ן טאָג אכטונג אויף קונים'ס הענט. און — קיין מעשה נישט. אז דער דין האָט געלעבט, האָט זיך אויך נישט איבערגע־גאָסן, ביים הערינג פלעגט מען זיך די פינגער אָפּשניידן... און פאַר הונגער, זאָגט מען, איז נאָך קיינער פון דער וועלט נישט געגאַנ־גען... נאָר דאָס מיידל! דאָס מיידל וואַקסט ווי אויף היוון, קיין עין הרע; שפּאַרט פון קליידל אַרויס... עס רויטלען זיך די אָנגע־פילטע בעקלעך, גלייך מען וואָלט זי געצויגן אויף מילך מיט האָ־ניג, אויף מאַרצעפּאַנעס. און אויגאַנים האָט זי... די פּויערים גאַפן; ציטערט די אלמנה פאַר אן עין־הרע; מאַכן זיך אמאָל אמאָל א גויש גלייכווערטל, שטעכט עס זי אין אַלע גלידער, רירט זי צו א פּויער מיט דער יד, שפּרינגט זי אויף, אן אָפּגעבריטע, וואַרפט זיך מיט די נעגל צו די אויגן...

און וואָס וועט זיין דער סוף?

ווייטער שרייען צו קהל, נישט לאָזן אויסנעמען? מען וועט זי הערן?

זיפצט זי, די אלמנה. קוקט זי אין הימל אַריין און זיפצט...

זיפצט זי נישט אומזיסט. פאַראַן אן אויער, וואָס הערט!

און איינמאָל, מוצאי שבת, געהערט ביי'ן א שכן הבדלה, מען קלערט, אַרויסצוגיין צום ברעג צי נישט? עפנט זיך די טיר. „גוט וואָך" — פּיניע דער שדכן איז אַריינגעקומען. „גוט וואָך, גוט יאָר", שטאַמלט די אלמנה. זי גלויבט אירע אייגענע אויגן נישט.

„זעצט אייך, ר' פּיניע... שרה'לע, וויש אָפּ דאָס בענקל..."

די טאָכטער שרה'לע מאַכט זיך נישט הערנדיג, קערט זיך אָפּ אין א זייט, וואַרפט אפילו א בייזן בליק אויף ר' פּיניע'ן. ר' פּי־

ניע שמייכלט: אַלע טוען אַזוי! דאָס בענקל ווישט אָפּ די אַלמנה אַליין.

— וואָס ברענגט איר פאַר א גוטס, ר' פּיניע?

אין האַרץ קלאַפּט איר, ווי ביי'ן א גזלן. ר' פּיניע זעצט זיך, צעטיילט די באָרד אויף רעכטס און לינקס, צעשמייכלט זיך נאָך אַמאָל און זאָגט:

— זייער פיל גוטס!

— דהיינו?

— דהיינו... מאָלט אייך, אַז ר' מענדל דער אַלמן איז אַהיים געקומען פון וואַלד... איך זאָג אים שוין לאַנג נאָך: א איד דאַרף נישט זיצן אַזוי לאַנג אָן א ווייב... טאַקע א צנועה געווען, טאַקע געבענטשטע הענט, טאַקע, טאַקע... אָבער אַזוי לאַנג אָן א ווייב זיצט מען נישט... און די קינדערלעך... ממש א רציחה. אי־בערגעגעבן א פינף קינדערלעך א שכנה, זי האָט אַליין אירע זעקס.. א איד קומט אַהיים אויף שבת — די קינדערלעך צעדראַפּעט, אויסגעהונגערט...

איך זאָג, איך שטעל אונטער באַלעבאַטים... ער לעגט אַלץ אָפּ. סטייטש, כאַפּ איך אים אָן ביי'ן א לאַץ, איר זייט דאָך שוין קיין יונגערמאַן נישט... אם לא עכשיו, אימתי? בע, מע... ער האָט קיין צייט נישט... ענדיגן אין וואַלד, פאַרטיג ווערן ביים ברעג... א נעכטיגער טאָג! איך זאָג אים א שידוך, פאַרצייכנט ער אין ביכל, ער וועט נאָכפרעגן, — הויבט זיך נישט אָן! דער שידוך ווערט פאַרלוירן אין ביכל צווישן די קוביקן...

דעם פרייטאָג איז ער אַהיים געקומען פריער פון וואַלד. באַ־קוקט דאָס געהילץ אויפ'ן ברעג... האָט ער אימיצן דערזען!

— וועמען?

ר׳ פּיניע נעמט א שמעק טאַביק:

— אייער בת־יחידה...

שרה׳לע, וואָס איז געשטאַנען ביים בעט, וואַרפט זיך אַרויף אויפ׳ן געלעגער מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט.

— אַלע אַזוי, אַלע אַזוי! — שמייכלט פּיניע.

— איז וואָס? — פרעגט די אלמנה, כמעט פאַרציטערט.

— איז וואָס? איז גאָרנישט... שבת איז שבת... נאָך הבדלה, שיקט ער מיך רופן. „גיי, זאָגט ער, צו דער דין׳טע און רעד א שידוך. איך פאָר, זאָגט ער, צוריק אין וואַלד אריין. (דאָס פּורל איז געשטאַנען פאַר דער טיר). און אַז איך וועל, אם ירצה השם, צוריק קומען, וועל איך אַהין גיין מיט א מנין, מיט כבוד...

ר׳ פּיניע נעמט נאָך א שמעק טאַביק... די אלמנה וואַרט מיט אָן אָפן מויל ביז ער ענדיגט:

— און שרייבן תנאים, אם ירצה השם!

שרה׳לע גיט פּלוצים א האַרציג געשריי.

פאַלט צו׳ן איר די מוטער צו, האַלזט זי און קושט זי איבער געוואַלד:

— טאָכטערשי, אַזאַ מזל, אַזאַ שמאַלץ־גרוב...

מ׳זע׳מיר דאָך גאָר דעם חסד נישט ווערט... גייערט, דיין טאַטע האָט זיך געמידט...

שרה׳לע רייסט זיך אוים פון דער מוטער׳ס אָרעם, שפּרינגט אויף פון בעט און לויפט אַרוים מיט א געוויין פון שטוב...

די אלמנה בלייבט צעשראָקן. צעשמייכלט זיך אָבער באַלד. דערמאָנט זיך: זי האָט אויך אַזוי געטאָן... אַלע מיידלעך שרעקן זיך אַזוי...

— אַלע אַזוי, אַלע אַזוי! — ברומט אונטער ר׳ פּיניע, זאָגט

„אַ גוטע וואָך!" קושט די מזוזה און גייט אַרויס...

די אַלמנה בלייבט שטיין פאַרטראַכט... קוקט דורכ'ן פענצ־טער, מיט גרויס דאַנק. צום הימל אַרויף און מורמלט אַלץ אין איינעם:

— אַ גאָט־זאַך! אַ גאָט־זאַך!

און עס וואָלט אפשר געווען אַ „גאָט־זאַך", ווען נישט דאָס פאַרטוך...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און—ווען נישט דער ברעג...

וואָרן גייט אונטער די זון, ווערט „ששון ושמחה"ביים ברעג.

די אַרבעט ווערט אַוועקגעלייגט. יעדער פויער לעגט זיך אָן פון די נעהילץ־שפּענער, פאַר זיין שטרויען־ביידל, אַ פייערל. נעמט זיך פון ביידל זיין פענדל אַרויס און בראָט זיך אָפּ זיין פיש. עסט אָפּ. אַ שיינע נאַכט איז, „עין־יעקב" לערנט ער נישט... הויבט מען אָן זינגען... געפינט זיך שוין ביי איינעם אַ פייפערל, ביים צווייטן—אַ פידל, הויבט מען אָן שפּילן, נעמט מען אַ קאַפּ, מאַכט מען אַ טענצל... ווערט—הו־האַ!

גייען יונגע לייט און בחורים שפּאַצירן אַ ביסל אָדער באָדן זיך, שטעלן זיי זיך אָפּ, הערן זיך איין, קוקן זיך צו... אַמאָל מיידלעך אויך... קיין גוטס קומט פון אַזוינע זאַכן נישט אַרויס. אַ מיידל, אַז קיינער זעט נישט, קומט אַמאָל נעענטער... דערזעט מען זי פון ברעג, מאַכט זיך אַ פויערל אַ שפּאַס... אַמאָל שלעפּט מען זי אין רעדל אַריין... מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, רחמנא לצלן...

און אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, איידער אונזער מעשה איז געשען, האָט זיך פאַרלאָפן אַ מיאוס'ע מעשה, גאָר אַ מיאוס'ע... און דווקא מיט אַ באַלעבאַטיש טעכטערל, אַ כלה־מיידל...

מען האָט אויף איר געמורמלט. געזען מחזקות מאכן ביים ברעג. מען האָט גערעדט און גערעדט. ביז עס איז אָנגעקומען צו פאַטער־און מוטער. גלויבט מען נישט, נאָר מען פאַסט אויף. מען זיצט שוין פאַרנאַכט אין דער היים; דער פאָטער דאַוונט אין דער היים מנחה־מעריב. איין טאָג—גאַרנישט, דעם צווייטן טאָג, — גאַרנישט... דעם דריטן טאָג אָבער, זי קען זיך, אפנים, נישט איינהאַלטן, זי נעמט די שאַל.

— וואוהין גייסטו?

זאָגט זי, צו'ן א חבר'טאָרין...

נעמט מען צו די שאַל:

— דו גייסט צום ברעג!

— זאָל זיין צום ברעג. וואָס איז אייער דאגה?

א וואָרט צו'ן א וואָרט, די בחור'טע איז מודה: זי טאַנצט דאָרט, זי זינגט... זי האָט דאָרט א פויער א געליבטן, ער וועט מיט איר חתונה האָבן, זי וועט זיך שמד'ן...

נעמט מען די בחור'טע און מען בינדט זי צו מיט שטריק פון דער וועש אַרום אויבן צום בעט. נישט אַנדערש א דיבוק! בעלות, וועט מען זי פירן צום אפּטער...

ביים ברעג דערווייל: וואו איז מלכה? (מלכה האָט זי גע־הייסן). עס איז אָן איר אומעטיג. זי טאַנצט אַזוי שיין און זינגט. און אַז זי צעלאָזט די האָר איז—אי־אי!

שיקט מען געוואָר ווערן... לויפט טאַקע איר „קאַכאַנעק"!

קומט ער צוריק מיט א געוואַלט: ער איז ביים הייזל געווען, דורכ'ן פענצטערל אַריינגעקוקט... און דערציילט כהויה, ווי זיין „קאַכאַנא מאַלקאַ" איז געבונדן. דאָס מויל מיט א שמאַטע פאַר־שטאָפּט... און מען שלאָגט... שפּרינגט דער עולם אויף, ווי איין מענטש, לויפט מען ראַטעווען די „קאַכאַנא מאַלקאַ". לויפט מען דורך דעם מאַרק, ווערט א מהומה, גוים באַפאַלן! רוימט מען אָפּ

פון די שטעלן, פאַרקלאַפּט מען די קלייטן, פאַרהאַמערט און פאַר־ריגלט מען זיך אין די שטובן...

מען שטייט אויף אין דער פרי: מלכה — צוגענומען, די מו־טער—א חולה מסוכן, דער פאָטער — איבער נאַכט גראָ געוואָרן...

זיפצן די אַלטע: גלות...

די יונגע אָבער שרייען: „הכוונה...?" און ווי וויטער שטייט... נעמט זיך צוזאַמען א מחנה בחורים, כאַפּט מען שטעקנס און שטיי־נער און מען לויפט צום ברעג, אָפּשלאָגן די אידישע טאָכטער...

ווערט א מלחמהביים ברעג. און יד ישראל תקיפה, קנאת השם צבאות. טוען אָבער די פּויערים צעווייסן אין פאַרשטאָט אריין. קומט מען זיי צוהילף מיט ווידלעס, מיט כלבים... גבורי ישראל האָבן געוועגדעט דעם נאַקן... קוים מיט'ן לעבן ארויס... מלכה'ס מוטער איז דעם טאָג געשטאָרבן... דער פאָטער האָט פאַר־האַמערט דאָס הייזל און איז אַוועק אין דער וועלט אריין... און ערשט צום ווינטער צו, אַז די פּויערים האָבן פאַרלאָזט דעם ברעג און אַהיים געגאַנגען יעדערער אין זיין דאָרף אריין, צו זיין פּויער־טע און זיינע ילדים...

ווייסט מען נישט, וואָס עס איז געשען: צי איז זי, איבער דער צייט, די פּויערים נמאס געוואָרן, אָדער זיי האָבן מורא געהאַט, זי זאָל נישט מיטלויפן מיט זיי אין דאָרף אריין, און האָבן זי אין טייך אריינגעוואָרפן, אָדער א פאַרלאָזטע האָט זי זיך אַליין א מעשה אָנגעטאָן, — געגוג פאַר ימים נוראים האָבן זי די פישער ארויס־געצויגן פון טייך אין א נעץ, — מיט א שטיין אויף א שטריק ארום האַלז, אָן אָנגעלאָפּענע, איז צו דערקענען...

דעם גוף האָט מען באַהאַלטן אונטער'ן פּלויט; פון דער זינ־דיגער נשמה איז א דיבוק געוואָרן!

די ערשטע האָט זי סליחות־צייט דערזען אַן אַלטע גבאי'טע. קוים מיט'ן לעבן אַנטלאָפן און אין עזרת נשים כהויה פאַרציילט: געזען, פון בית־עלמין איז זי אָנגעקומען פון אונטער'ן פלויט. גייט איבער'ן מאַרק, קומט צום פאָטער'ס הייזל צו, קלאַפט אין טיר, וואַרט א ווײַלע. מען ענטפערט נישט, גייט זי צום פענצטערל צו, פויקט אין די שויבן. מען ענטפערט נישט, הויבט זי אָן שרייען: טאַטע! מאַמע! און צעקראַצט זיך דאָס פנים מיט די נעגל...

באַלד דערנאָך איז עמיץ אין שטעטל אָוועקגעפאַלן. שיקט מען דאָס דינסט־מיידל אין דער אַפּטייק אַריין נאָך צענים. קומט זי נישט צוריק. אין דער פרי געפינט מען זי לעבן הייזל א פאַר'חלש'טע. דערמינטערט מען זי, פאַרציילט זי:

געזען... אויגן ברענענדיגע, ווי די גלאָוועניעס, שוואַרצע האָר צעפלאָסן איבער ווייסע תכריכים... און גראַבלט מיט די נעגל אין טיר. און קרעכצט: טאַטעשי, מאַמעשי! און גייט דערנאָך צום פענצטער, און קראַצט די שויבן—טאַטעשי, מאַמעשי!

דערנאָך האָבן זי שוין אַנדערע אויך געזען...

און נאָך אַנדערע, ביז מען האָט זיך צוגעוואַוינט צום דיבוק... און אָן א פאַרטוך גייט אין ראַכיוו קיין אשה פאַר דער טיר נישט אַרויס, זאָל דער דיבוק קיין שליטה נישט האָבן.—

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז א זווג איז קיין רעכטער זווג נישט, מאַכט זיך אַזא מעשה:

איינמאָל פאַרנאַכט, שרה'לע טראָגט אין שטוב אַריין די קייש־לעך, די מוטער האָט זיך ביי'ן א קראָם פאַרהאַלטן,, קלערט שרה'לע דערוויל פּייער צו מאַכן, נאָר איידער וואָס, איידער ווען, פאַלט אַריין די מוטער מיט א שמחה, מיט א גדולה:

— וועסט שוין מער, טאָכטערשי, קיין קיישעלעך נישט טראָ־גען, צום ברעג נישט גיין.

שרה׳לע ווערט בלאַס:

— וואָס איז, מאַמעשי?

— וואָס איז? דיין חתן איז געקומען פון וואַלד! געשיקט אָנזאָגן די בשורה. ר׳ פיניע האָט מיר פאַר דער טיר געטראָפן... באַלד קומט ער, מיט מנין, מיט כיבוד, ווי ער האָט צוגעזאָגט...

גיט זיך שרה׳לע א וואָרף צום בעט מיט א גרויס געוויין...

— וויין, טאָכטערשי, וויין, א גוט מזל בעט דיר אויס! דיין מזל וועט אויפשיינען, ווי די זון, און איך וועל לעבן דיר אויך אויפגעריכט ווערן...

— און הערסט, טאָכטערשי, ער ברענגט טאַקע כבוד, אָבער פטור בלא כלום וויל איך נישט! איך וועל אויך עפּעס געבן. האָב איך א פּאָר הערינג געברענגט, וועל איך קוילען, און קאַרטאָפל אין די מונדירן וועל איך אָפּקאָכן...

פאַרגראָבט שרה׳לע איר פּנים אין קישן אריין...

— ליג, ליג, טאָכטערשי... איך אין דיינע יאָרן האָב אויך געוויינט, אויך געמיינט, גאָט ווייסט וואָס, און געשראָקן זיך אויף וואָס די וועלט שטייט...

און זי נעמט זיך צו דער ארבעט, לייגט אָן א פייער, שטעלט צו די קאַרטאָפל... דאָס פייערל קנאַקט אזוי לוסטיג, דאָס טעפּל הויבט אָן זידן, מען דאַרף שוין זייערן, דערמאָנט זיך פּלוצלונג די אלמנה: זאַלץ! פאַרגעסן...

— טאָכטערשי, שרה׳שי, קרוין מיינע, טו א טובה דער מאַמען, לויף אַרויס נאָך א ביסל זאַלץ...

און זי פאַלט צו׳ן איר צו. אז יענע ענטפערט נישט. און בעט, און גלעט, און קושט, און איז גוזר בכבוד אם.

—אַ׳נישט, זייער דו די קאַרטאָפל, וועל איך לויפן נאָך זאַלץ...

הויבט זיך שרה׳לע אויף און גייט נאָך זאַלץ...

גייט אוועק א מינוט, צוויי, דריי, די קאַרטאָפל שוין אָפּגע-

זייערט, זי קומט נישט צוריק. און די קראַם איז פאַר'ן הויז! לויפט די אלמנה צו דער טיר צו, קוקט אויפ'ן הויף אַרויס, מען זעט נישט שרה'לען... רופט זי: שרה'לע, שרה'לע! קיינער ענט־פערט נישט. דערשרעקט זי זיך, כאַפּט זי די שאַל און לויפט אַרויס. דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז עס איז, חס ושלום, אַן אומגליק געשען...

און אַ מאַמע'ס האַרץ איז אַ שטיק נביא...
עס איז טאַקע אַן אומגליק געשען:

אין בעט ליגנדיג, האָט זי זיך, אַ פּנים, געוואָרפן, איז מער לויז געוואָרן און אויפגעבונדן זיך דאָס פאַרטוך. האָט זי עס, גייענדיג, אין הויף פאַרלוירן און נישט געפילט, און נישט אויפ־געהויבן, און איז אַזוי אַרויס פאַר דער הויז־טיר צו דעם קראַם...

און אין מאַרק האָט זיך, ווייזט אויס, אַרומגעדרייט דער דיבוק... געוואָלט אין עמיצן אַריין, געזוכט אַן אשה אָן אַ פאַרטוך... און שרה'לע איז פּונקט אַרויס אָנ'ם פאַרטוך... און אַזוי ווי זי איז צוגעקומען צו דער קראַם, און אַזוי ווי זי האָט געעפנט דאָס מויל צו זאָגן: זאַלץ, האָט זי גאָר אַ געשריי געטאָן, ווי די ערלים ביים ברעג:

— הו־האַ!
דער דיבוק איז איר אַריין דורכ'ן אָפענעם מויל!

און זי גיט זיך אַ ריס אַראָפּ דאָס טיכל פון קאָפּ, צעשיטן זיך איר די האָר איבער'ן האַלז און נאַקן, און עס פלאַמען איר, ווי די שוואַרצע קוילן, די אויגן אויף. —

און גיט אַ שפּרינג אַרויס פון קראַם.... און צעלאָזט זיך מיט אַ קול און זינגט אַן אויסגעלאַסן לידל פון ברעג, און אַ לאָז אַ טענצל איבער'ן מאַרק... און נאָך אַמאָל:

— הו־האַ!
און—פייל פון בויגן צום ברעג...

אַז די מוטער איז אַרויסגעקומען, איז שוין דער מאַרק געווען

ווי פאַרשטאַרט. נאָר די קרעמעריין האָט איר קוים, מיט א פּאָר־שטאַרטן פינגער, געוויזן צום ברעג.—

— — — — — — — — — — — — — — — —

זי וועלן שוין קיין גבורי ישראל נישט ראַטעווען... מען געדענקט יענע מלחמה... עס דרייען זיך נאָך ארום אַלטע אידן, דער אָן אן אויער, יענער מיט א האַלבער נאָז... און מען קרעכצט...

איז דאָך אָבער די אַלמנה א מאַמע, לויפט זי אַליין!

קומט זי, טרעפט זי די טאָכטער אין א מיט רעדל. מיט א נאַקעטער האַנט ארום האַלז, מיט דער צווייטער א יונג פויערל ארומגעכאַפּט... זי טאַנצט מיט אים! דאָס פויערל פייפט, די פידל שפּילט, דאָס רעדל ארום פּאַטשט צו מיט די הענט, טופּעט מיט די פיס...

א מאַמע איז א מאַמע, רייסט זי זיך אין רעדל אריין:

— מענטשן, — שרייט זי, — מענטשן־רוצחים, מענטשן־גזלנים! זעט איר דען נישט, אַז עס איז א באַזעסענע, א דיבוק...

„אָפּענטאַנאַ״—שרייט זי אויף פּויליש...

פאַר דער מאַמען רוקט מען זיך אָפּ; פאַר איר קול דערשרעקט מען זיך. „דיבוק״ מאַכט א רושם. דאָס פייפערל בלייבט שטיל, די פידל פאַרשווייגט. און זי לויפט צו דער טאָכטער צו, רייסט זי אָפּ פון פויער, אים שטויסט זי אָפּ אָן א זייט.

און שרייט צום עולם:

— זעט, — שרייט זי, — די אויגן אירע... די האָר די צעפּלאָסענע זעט... דעם גאַנצן גוף, ווי ער טרייסלט זיך... א משוגעת, א דיבוק... מיט וועמען טאַנצט איר? וואו זיינען אייערע אויגן געווען?

— נאָך קיין האַלבע שעה נישט,—קלאָגט זי, אַז דער דיבוק איז אין איר אריין...

— תנאים געזאָלט זיין, — צעוויינט זי זיך, — צודריקנדיג

די טאָכטער צום האַרץ — אַ שמאַלץ־גרוב... האָב איך זי נאָך זאַלץ געשיקט... אין מאַרק איז אין איר דער דיבוק אַריין, אפשר מלכה'ס דיבוק...

דאָס מאַכט נאָך מער רושם...

די פּויערים טראָגן זיך אָפּ אין די הייזלעך אַריין... די מוטער דריקט פעסטער די טאָכטער צום האַרץ:

— שרעקט דיך נישט, טאָכטערשי, צאַפּל נישט אַזוי, מאָרגן טרייבט מען דיר, מיט זיין ליבן נאָמען'ס הילף, דעם דיבוק אַרויס...

און פירט זי, אַ האַלב־טויטע, אַהיים...

דער אָפּטער, זכר צדיק לברכה, האָט צונויפגערופן זיין שטעקן דעם אַלטן ראַכיוועער רב צוגעשיקט און אָנגעזאָגט, ווי אַזוי אַרויס־צוטרייבן דעם דיבוק...

און באַלד אין דער פרי האָט מען זיך גענומען דערצו.

מען האָט אין שול־אַריין־געקלאַפּט, פול איז שוין די שול, און ווייבער—אין עזרת נשים פול...

און מען האָט אַ טהרה־ברעט געברענגט, אויפ'ן שלחן פון בעלעמער געשטעלט, און שרה'לען אויפ'ן ברעט אַרויפגעלייגט, און מיט אַ שוואַרץ טוך באַדעקט.

און מיט'ן אָפּטער, זכרונו לברכה'ס, שטעקן איז באַלד דערנאָך דער אַלטער רב אויף די טרעפּלעך צום אָרון־קודש אַרויף, מיט'ן פּנים זיך צום בעלעמער געשטעלט... און ער קוקט, און מורמלט וואָס מען דאַרף, און גיט פּלוצלונג דריי מאָל מיט'ן שטעקן אין טרעפּל אַ קלאַפּ, און אַ געשריי:

— דיבוק אַרויס!

אויפ'ן עולם פאַלט אַן אימה. דער דיבוק אָבער שווייגט: רופט ער נאָך אַמאָל:

— דיבוק אַרויס... איך בין גויר; דיבוק אַרויס!

דער עולם ציטערט, אין עזרת נשים חלש'ט מען ; דער דיבוק שווייגט.

אָבער צום דריטן מאָל, אַז דער אַלטער רב האָט דערמאָנט די פמליא של מעלה און געזאָגט, ער וועט אים לייגן אין חרם אריין, און אַז דער אַפּטער וועט מסכים זיין,—

ערשט דעמאָלט האָט דער דיבוק אַ קרעכץ געטאָן פון אונטער'ן שוואַרצן טוך :

— כ'קען נישט, רבי !

— פאַרוואָס ?

— ווי אַרוס, רבי, זאָל איך אַרויס ? דורך דער טיר ? שטייט דאָרט די בעל־הנס פושקע און דער נר תמיד ברענט !

— דורכ'ן פענצטער !

— אַלע שויבן זיינען גאַנץ...

פונקט האָט אַ גלעזער פאַר עטלעכע טעג אויף דער לאָטעריע געוואונען און נייע שויבן אַריינגעשטעלט...

כאַפּט דער רב דעם שטעקן, וואַרפט אין פענצטער אַריין, אויף פיץ־פּיצלעך האָט די שויב געפּלאַצט — — —

און דער דיבוק איז אַרויס...

נאָר אַז מען האָט דאָס שוואַרצע טוך אויפגעדעקט, איז שרה'לע געלעגן—אַ טויטע...

דריי קיכלעך

בימי המלך שלמה — אין די צייטן פון מלך שלמה האָט גע־לעבט אַן אלמנה, אַן אָרימע, מיט'ן נאָמען שונמית.

און געלעבט האָט די אלמנה שונמית אין אַ סוכה פון אַלטע ברעטער, באַדעקט מיט אַ סכך פון צווייגן און בלעטער פון פאַל־מען־ביימער, אין אַ פישער־דאָרף, ביים ברעג פון ים הגדול.

און געשפּייזט האָט זיך די אלמנה מיגיע כפּיה — מיט שטריי־קען און פאַרריכטן די נעצן פאַר די פישער אין פישער־דאָרף.

ויהי היום — איז געקומען די צייט פון ווינטן און שטורעם־ווינטן. קיין שיפל גייט נישט אין ים אַריין, קיין נעץ ווערט נישט פאַרשפּרייט, איז די אלמנה געבליבן אָן אַ ביסן ברויט.

וועט זי דאָך נישט גיין אין די אָרימע פישער־הייזלעך אַריין בעטן ברויט; עס פעלט אומעטום, ווענדט זי זיך ווייטער פון דאָרף.

עטלעכע מייל פון דאָרף, אין אַ גרויס הויז מיט אַ גרויס גע־הויף, האָט געוואוינט אַ רייכער איד, וואָס איז געבענטשט געוואָרן פון זיין ליבן נאָמען מיט פעלדער פעטע, פרוכטבאַרע גערטנער און גאַנצע וועלדלעך איילבירטן. און מיט הערטן שאָף און רינ־דער, און מויל־טירן און קעמלען.

הויבט זי זיך אויף, די אַלמנה שונמית איינמאָל אין דער פרי, זעט אַז דער הימל איז אַ בייזער, די לופט—ווינטיג, פאַרשטייט זי, אַז זי מוז שוין אָנקומען צו מתנת בשר ודם, באַדעקט זי זיך מיט אַן אַלטער שאַל, וואָס זי טראָגט בייטאָג און דעקט זיך מיט איר צו ביינאַכט, און לאָזט זיך פון דאָרף אַרויס אין וועג אַריין, צום רייכן איד.

קומט זי געגן מיטאָג צום געהויף, טרעפט זי דעם רייכן איד פאַר דער טיר, גייט זי צו, בוקט זיך דריי מאָל, רירט דריי מאָל אָן מיט'ן שטערן די ערד פאַר זיינע פיס.

פרעגט ער זי:

— וואָס בוקסטו דיך פאַר מיר, אשה, שטיי אויף און זאָג, ווער דו ביזט און וואָס איז דיין פאַרלאַנג.

זאָגט זי אים: „איך בין די אלמנה שונמית פון פישער־דאָרף ביים ברעג פון ים" און פאַרציילט אים וועגן איר נויט. שוין לאַנג קיין ביסן ברויט אין מויל נישט געהאַט: און בעט אַ לעבל ברויט,

„די נשמה צו דערהאַלטן!"

ווייזט ער איר, וואָס אין געהויף טוט זיך.

— זע, אשה, אַט שפּאַנט מען ערשט מיינע קעמלען און מויל־טירן אויס. פון ירושלים קום איך, איך האָב שלמה המלך'ס פּאַלאַץ געזען! אַ פּאַלאַץ — אַ פאַרבלענדעניש! און מען לאָזט יעדן אַריין. און איך בין אַריינגעקומען. אין אַ גאָלדענער קרוין, אויף זיין גאָלדענער שטול איז שלמה געזעסן, אַרומגערינגלט מיט שרים און זקנים, און פאָלק. און ער האָט פאַר זיי תורה און חכמה געזאָגט. פּערל האָבן זיך געשאָטן פון מויל.

און הער, וואָס ער האָט געזאָגט, אשה!

„ושונא מתנות יחיה"—האָט ער געזאָגט.

ווער עס וויל לעבן, נעמט קיין מתנות נישט. ווער עס נעמט אומזיסט, פאַרקירצט זיך זיינע יאָרן, וואָס זיין ליבער נאָמען האָט אים באַשערט. דו ווילסט זינדיגן, אשה, און איך וויל נישט זיין

קיין שותף צו דיין זינד. גאָט איז א דין אַלמנות, ער וועט עס מיר נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב מיטגעהאָלפן צו פאַרקירצן דיינע יאָרן...

אומזיסט גיב איך נישט.

— אויב אַזוי — זאָגט די אשה,—גיב נישט אומזיסט; באָרג מיר א לעבל ברויט. אָדער ליי מיר א ביסל מעל, וועל איך עס מיר אהיימטראָגן און אָפּבאַקן, און דאָס לעבן דערהאַלטן, און דאַנקען דיר און בעטן פאַר דיין לעבן...

— דאָס אויך נישט, אשה! — ענטפערט דער עושר געלאַסן. „עבד לוה לאיש מלוה" האָט שלמה המלך געזאָגט. ווער עס לייט, קויפט זיך א קנעכט. און קנעכט קויף איך מיר פרעמדע, נישט מזרע אברהם, יצחק ויעקב... איך וויל אייגן פלייש און בלוט, בפרט אַן אַלמנה פאַר קיין קנעכט נישט האָבן... איך באָרג דיר נישט, איך ליי דיר נישט...

פרעגט די אשה:

— זאָל איך פאַלן פאַר הונגער פאַר דיינע פיס, דאָס וועט בעסער גאָט העלפן, דעם דין אַלמנות?

— דו וועסט, אַלמנה שונמית, — ענטפערט ער איר נאָך געלאַסענער, — פאַר מיינע פיס פאַר הונגער נישט פאַלן... העלפן וועל איך דיר, ווי גאָט איז מיר ליב! נאָר העלפן וועל איך דיר מיט אַן עצה: גיי און זיי זוכה פון הפקר!

— וואָס מיינט איר דערמיט? הפקר איז אין מדבר, צום מדבר איז דריי טעג, און וואָס געפינט מען דאָרט? גרעזלעך אויסגעטריקנטע? טרייבט איר שפּאָס פון אַן אָרימער אַלמנה און פאָרכט אייך נישט פאַר דעם, וואָס אייביג לעבט און ווענדט פון יתומים מיט אַלמנות קיין אויג נישט אָפּ!

— איך שפּאָס נישט, אשה! — ענטפערט ער. — גאָטס־פאָרכ־טיג בין איך פון געבורט, און נישט צום מדבר נאָך גראָזן שיק איך דיך.

— נייג צו דיין אויער, אשה, און הער! מיין קאַמער איז

אצינד לער. די הונדערט זעק מיט׳ן ווייסן ווייצן־מעל ווי שניי האָב איך, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, קיין ירושלים אָפּגעפירט, צום מלך שלמה אין פּאַלאַץ אריין. און די ברעטער, וואָס האָבן זיך אונטער די זעק געבויגן, זיינען פריי. אָבער ווייס, גאַנץ ווייס זיינען די ברעטער; באַדעקט מיט׳ן שטויב, מיט וועלכן די זעק האָבן געשוויצט. דער שטויב איז הפקר, דער שטויב איז נישט מיין. גיי, על כן, אין קאמער אריין, וויש דיר די ברעטער אָפּ, זאַמל דעם שטויב פון ווייסן ווייצן־מעל ווי שניי, נעם אהיים, לעג אָן א פייער, — קלייב שפּענדל אויפ׳ן וועג — און באַק דיר דיינע קיכלעך אָפּ, זאָל זיין ליבער נאָמען אריינשיקן די ברכה אין דיין שטויב פון מעל, און עס, און דערקוויק דיך, און לויב גאָט...

האָט די אלמנה שונמית געטאָן, ווי דער פרומער און רייכער מאַן האָט איר געראָטן. האָט זי אָפּגעשאַרט און אָפּגערייניגט דעם שטויב פון מעל פון די ברעטער אין רייכן פרומענ׳ס קאמער; אויפ׳ן וועג צוריק האָט זי פון ווינט־פאַריאָגטע צווייגלעך געפונען; אהיים געקומען, שוין נאכט געווען. האָט זי פון די צווייגלעך פייער געמאַכט, דאָס מעל מיט וואַסער געמישט און געקנאָטן, זיי־נען דריי קליינע ברויטעלעך ארויס, האָט זי די דריי ברויטעלעך ביים פייער קוים אָפּגעבאַקן, און גאָט פאַר זיינע חסדים לויבנדיג, וויל זי נעמען דאָס ערשטע ברויטל צום מויל, — עפנט זיך מיט אימפּעט פּלוצלונג פון דרויסן די טיר, — איןביידל פאַלט אריין א מענטש מיט א געשריי:

— ראַטעווע א מענטש פון טויט, שוין דריי טעג און דריי נעכט אין מויל נישט געהאַט...

און ער פאַרציילט אין שרעק און איילעניש:

א שרפה איז אויסגעבראָכן אין זיין דאָרף. אין מיטן דער נאכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, האָט אויסגעבראָכן די בראַנד. א פייער איז פון הימל געפאַלן... און דער שטורם האָט דאָס פייער איבער גאַנצן דאָרף צעיאָגט... אַלץ איז פאַרברענט, ער

איינער איז פון די פלאַמען פייער און די זיילן רויך מיט'ן לעבן אַרויס. אַלץ איז געוואָרן אַ רויב פאַר דער בראַנד: מאַן, ווייב און קינד, און שאָף און רינד, און האָב, און גאָב. און דריי טעג און דריי נעכט לויפט ער אַרום, פון פייער געיאָגט, פון שרעק גע־טראָגן און אָן אַ ביסן ברויט...

דערלאַנגט אים די אלמנה דאָס ברויטל פון מויל אַוועק און זאָגט אים:

— גיי אַרויס, איך בין איינע אַליין, און עס... און דערהאַלט דיין נשמה...

גייט דער אָנגעקומענער אַרויס און פאַרשווינדט אין דער פינצ־טערניש פון דער צוגעפאַלענער נאַכט.

דאַנקט די אלמנה זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט זי מיט ברויט באַשענקט און נאָך אַ מצוה, אַ מענטש ביים לעבן צו דערהאַלטן באַשערט, און וויל דאָס צווייטע וווייכע ברויטל נעמען צום מויל.

עפנט זיך נאָך אַמאָל מיט אַן אימפּעט די טיר, און אַ צווייטער מאַן פאַלט אין דער אלמנה'סביידל אַריין, מיט דעם זעלבן גע־שריי:

— ראַטעווע אַ מענטש פון טויט...

ער איז אַ רייכער מאַן געווען, הערטן שאָף און רינדער אין סטעפּ געפּאַשעט, אין רייכע געצעלטן מיט ווייב און קינדער גע־וואוינט, און יונגען געזונטע ביי שאָף און רינד געהאַלטן... פּלוצ־לונג זיינען בעדואינען, ווי אויף די פליגל פון ווינט, אָנגעפלויגן אויף זייערע פערד, מיט בויגן געשפּאַנטע אין די הענט; פון אַלע זייטן זיי אַרומגערינגלט, מיט אַ האָגל פיילן באַשאָטן, די יונגען מיט ווייב און קינד געטויט, די הערטן אָפּגעפירט, און מיט זיי אין וויטן ברייטן סטעפּ פאַרשוואונדן... און אַז דער סטעפּ האָט אויפ־געהערט אָפּצוקלינגען זייערע טריט, האָט ער זיך, איינער אַ לעבע־דיגער פון צווישן די טויטע אויפגעהויבן, און בלאָנדזשעט שוין דריי טעג און דריי נעכט אַרום, אָן אַ ביסן ברויט, איידער ער איז צו איר ביידל געקומען—

— דערלאַנג, האָב רחמנות, א ביסן צום מויל, אַנישט פאַל איך א טויטער צו דיינע פיס...

דערלאַנגט אים די אַלמנה שונמית בתשואת חן דאָס צווייטע ברויטל, גאָט לויבנדיג און דאַנקענדיג פאַר דער צווייטער גרויסער מצוה, וואָס ער האָט איר באַשערט. הייסט אים אויך ארויסגיין עסן פאַר דער טיר, ווייל זי איז איינע אַליין אין בײדל. און ער טוט אַזוי, און פאַרשווינדט אויך אין דער פינצטערער נאַכט...

נעמט זיך די אַלמנה שונמית צום דריטן ברויטל און וויל עס שוין געגעגען צום מויל. רייסט זיך פּלוצלונג אוים מיט באַנייטע כחות פון צפון דער ווינט און רייסט איר בײדל איין. צעפאַלן זיך רעכטס און לינקס די ווענט... פליט ערגעץ אוועק דער סכך. און דער ווינט רייסט דער אַלמנה דאָס דריטע ברויטל פון דער האַנט ארוים און שליידערט עס אין ים אריין...

און ערשט דעמאָלט שטילט דער ווינט. שטייט די אַלמנה און טראַכט...

דער ווינט האָט זיך געלייגט, שטיל איז דער ים. איבער זיין וואַסער, ווי איבער א שפּיגל, גליטשן זיך די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיגער זון. באַלד וועט זיך אויפכאַפּן דאָס דאָרף, אָנבינדן מיט פרייד די שיפלעך ביים ברעג, פאַרשפּרייטן נעצן... קינד און קייט וועט ארויסלויפן באַגלייטן די פישער. און מיט פרייע געשרייען רופן: אוים הונגער, געלויבט זיין ליבער נאָמען! עס וועט זיין ברויט.

אָבער נישט וועגן דעם טראַכט די אַלמנה.

אַן אַנדער געדאַנק עגבערט אין איר מח.

— וואָס האָט גאָט פון איר געוואָלט? וואָס האָט גאָט מיט איר, דער אַלמנה, געטאָן?—

— וואָס האָט מיר גאָט געטאָן? — עגבערט איר אין מח.

— איין ברויטל האָט ער איר צוגענומען פאַר אַן אנטלאָפּפּענעם פון פייער. רעכט, זאָל זיין געלויבט זיין נאָמען!

— דאָס—צווייטע פאַר א געראַטעטן פון גזלנים, אויך געלויבט

זיין ליבער נאָמען. ער האָט געגעבן, ער האָט גענומען, פאַר א בילכערן פון איר...

— אָבער דאָס דריטע ברויטל? אויסצורייסן ביי׳ן אן אלמנה פון מויל און שליידערן אין ים אריין! —

דאָס איז איר אוממעגלעך צו פאַרשטיין...

און עס פאַלט איר איין, אַז אפשר ווייסט גאָר גאָט נישט דערפון, אַז דאָס האָט דער ווינט אליין, מיט זיין אייגענעם ווילן, אָן גאָט׳ס וויסן און געגן זיין ווילן געטאָן. זיין ליבן נאָמען, וואָס שפּייזט אלמנות און יתומים להכעיס!

אנדערש קען נישט זיין!

און זי וועט עס דעם ווינט, דעם גזלן, נישט שענקען. זי וועט דעם ווינט פאַרקלאָגן...

פאַר וועמען?

פאַר דעם מלך שלמה.

פאַר אים וועט זי האָבן א דין תורה מיט׳ן ווינט, קיין ירושלים וועט זי גיין!

אָפּגעקלערט, פאַרדעקט זי דאָס פּנים מיט דער צעריסענער שאַל און לאָזט זיך אין וועג אריין.

פאַרהונגערט איז זי און פאַרשמאַכט, נאָר דער געדעכטער צאָרן טראָגט זי אויפ׳ן וויטן וועג. און זי איז געקומען — קיין ירושלים.

קומט זי, פרעגט זי נאָך, ווייזט מען איר, וואו דער מלך שלמה הויזט. לאָזן זי די שומרים אריין; שלמה המלך׳ס טירן זיינען אָפן פאַר אלע, בפרט פאַר אלמנות. קומט זי אין זאַל אריין און פאַלט פאַר׳ן מלך שלמה, וואָס זיצט אויף זיין שטול אויפ׳ן פּנים!

— אדוני המלך — זאָגט זי — א דין תורה האָב איך.

— מיט וועמען? איך זע, דו קומסט אליין.

— מיט׳ן ווינט, — ענטפערט די אלמנה, און הויבט צו אים דאָס פּנים אויף, און פאַרציילט אים איר טענה.

— גוט, — ענטפערט דער מלך שלמה, — דיין פּנים איז דיין

עדות: עס איז מיד, און אין דיינע אויגן ברענט דער הונגער. וועסטו דיך צום אלעם ערשטן דערפרישן. זעץ דיך דערווייל, אשה, אין א ווינקעלע, מען וועט דיר דערלאנגען ברויט און וויין. עס, טרינק און דערהאלט דיין נשמה, דערנאך וועסטו הערן דיין פסק.

גייט זי אפ אין א ווינקעלע. דערלאנגט מען איר ברויט מיט וויין. עסט זי. קומען דריי פרעמדע מענער אריין. דריי פרעמדע מענער, מיט זעקלעך אויף די אקסל. צום מלך שלמה דארפן זיי.

— וואס איז אייער פארלאנג, פרעמדע מענער? און וואס טראגט איר אין די זעקלעך אויף אייער אקסל?

דערציילן די מענער אזא געשיכטע:

ישמעאלים סוחרים זיינען זיי. האנדלען מיט צירונג טייערע און כלים, און בשמים די טייערסטע, און זיינען זאלבעדריט געפארן אין א שיפל איבער'ן ים... ווינטן זיינען געווען. אומרואיג איז געווען דער ים, זיינען זיי אבער שטארקע און געניטע לייט, שרעקן זיך פאר קיין ווינטן נישט, שווימען זיי וואל־ארויף, וואל־אפ...

האט אבער, איינמאל פארנאכט, אנגעהויבן דאס שיפל צו נעצן... געלעכערט איז ערגעץ געווארן דאס שיפל, און מיט וואס צו פארשטאפן איז נישטא. שרייען זיי, אפשר וועט מען דערהערן פון ברעג און קומען צוהילף. הערט קיינער נישט. דער ווינט כאפט זייערע געשרייען און צעווארפט זיי איבער'ן ים, די וואלן כאפן אויף און אנטלויפן מיט זיי אין דער נאכט אריין...

און דאס שיפל נעצט און הויבט אן זינקען...

שרייען זיי צו זייער גאט. צו זייער גאט; ער הערט נישט. רופן זיי צו אנדערע געטער. צום גאט פון מאוב, צום גאט פון פלשתים, צו אנדערע געטער. קיינער ענטפערט נישט, האבן זיי זיך דערמאנט, אז עס איז דא נאך א גאט, א גאט פון ישראל... פרואוון זיי און רופן:

— גאט פון ישראל ענטפער אונז אין דער נויט. און א נדר טוען זיי: דאס גאנצע גאלד און זילבער, וואס מיר האבן געלייזט,

גיב׳מיר דיר אַוועק פאַר אונזערע נפשות, נאָר ראַטעווע אונז! ראַטעווע, גאָט פון ישראל...

און אין דער רגע האָט זיך דער ווינט א וואָרף געטאָן און עפּעס פון ברעג אין שיפל אריין מיט א געוואַלדיגן כח אריינגע־שלײדערט, פּונקט אין לאָך פון שיפל אריין, און האָט עס פאַר־שטאָפּט...

און באַלד האָט זיך געלײגט דער ווינט און מיר זיינען בשלום צוגעשוואומען צום ברעג...

האָבן מיר ביי לײטן זיך נאָכגעפרעגט: וואו הויזט דער אי־דישער גאָט. מיר ווילן אונזער נדר מקיים זיין?

האָט מען אונז אָנגעוויזן ירושלים...

זיינען מיר מיט אונזערע זעקלעך קיין ירושלים געקומען און אין די גאַסן די מענטשן אויסגעפרעגט: וואו איז אייער גאָט? מיר ווילן אים זען! האָבן לײט אונז געענטפערט, אז דעם גאָט פון ישראל זעט מען נישט...

— מיר דאַרפן אים דאַנקען, כבוד אָפּגעבן, און א מתנ־דערלאַנגען...

האָבן זיי מיט די אַקסלען געדריקט; אַנדערע האָבן אונז אויסגעלאַכט...

און עלטערע לײט, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, זיי זיך פאַר־טראַכט און אַן עצה געפרעגט: וואָס טוט מען מיט אונזער נדר, וועמען גיט מען, עס זאָל פאַסן צום אידישן גאָט׳ם ווילן, די זעקלעך מיט זילבער און גאָלד, האָבן זיי קיין באַשייד נישט געוואוסט. נאָר איינער פון זיי, דער עלטסטער האָט אונז געראַטן, מיר זאָלן זיך ווענדן, גרויסער האַר און מלך, צו דיר, דו ביזט, האָבן זיי געזאָגט, דער קליגסטער אויף דער גאַנצער וועלט, און דו וועסט וויסן אונז צו ראַטן, ווי אַזוי אונזער נדר מקיים צו זיין, צו טאָן מיט׳ן גאָלד און זילבער לויט דעם ווילן פון גאָט פון ישראל.

האָבן זיי געענדיגט און געבוקט זיך, און דער מלך שלמה פרעגט:

— האָט איר, פרעמדע לייט, באַטראַכט, וואָס דער ווינט האָט אייך פון ברעג אין שיפל אַריין געשליידערט, מיט וואָס ער האָט דאָס לעבל פאַרשטאָפּט, איר זאָלט נישט אונטערגיין?

— מיר האָבן געזען, גרויסער מלך. אַרויסגענומען און גוט באַטראַכט, אַ קליין ברויטל איז עס געווען, אַ ווייך, נישט דער־באַקן ברויטל... מיר האָבן עס געברענגט, דיר צו ווייזן, מלך...

און דער עלטסטער נעמט דאָס ברויטל פון בוזעם אַרויס און ווייזט עס —

רופט צו דער מלך שלמה די אַלמנה און פרעגט, צי זי דער־קענט נישט, צי איז עס נישט איר ברויטל?

דערקענט זי; איר ברויטל.—

פּסק'נט דער מלך שלמה, מען זאָל איר געבן די דריי זעקלעך גאָלד און זילבער. טוען אַזוי די לייט, דאַנקען און גייען.

און צו דער אַלמנה ווענדט זיך דער מלך שלמה:

— נעם דאָס גאָלד מיט'ן זילבער. פאַר דיין דריט ברויטל האָט דיר גאָט באַצאָלט, און זיי ווייסן, אַז קיינער טוט נישט גאָט להכעיס; אַז אַלץ געשעט לויט זיין ווילן. און אַז נאָר זיין שליחות טוט דער ווינט.—

אויפֿן געלעגער

צוויי חברים זיינען זיי געווען, אין איין צימער געוואוינט, יעדן אָוונט אויפ'ן באַלקאָן פון צימער געזעסן, אין לבנה־שיין זיך און די נשמות געבאָדן, און פון שטילער זיסער פריינטשאַפט און איר סימבאָל די לבנה גערעדט. און מער מיט די אויגן ווי מיט'ן מויל. זיי האָבן נישט געדאַרפט רעדן. איין נשמה האָט ביי דער צווייטער דאָס שטילע נחת פון דער שטילער פריינטשאַפט פון אויגן געזויגן.

איז אָבער געקומען דער טאָג פון בענקשאַפט...

אין יענעם אָוונט האָבן ביידע נשמות דערפילט, אז לבנה־שיין און שטילע פריינטשאַפט איז נישט דאָס גאַנצע לעבן. און עס האָט זיך זיי פאַרבענקט צום גאַנצן לעבן.

ביידע האָבן עס דערפילט מיטאַמאָל. און יעדער פון זיי,— אַז דעם צווייטנ'ס נשמה איז פאַר אים שוין נישט אָפן, נישט אַנטפּלעקט, נאָר ווי איינגעהילט אין עפּעס, ווי אין עפּעס פאַר־שלייערט.

און דערפילט האָבן ביידע, אַז פון היינט אָן וועט שוין איינער דעם אַנדערן ניט געניגן, אַז אין האַרץ פון יעדן וועקט זיך עפּעס נייעס, עפּעס א וואונדערלעך פרעמדס, פון וועלכן עס וועט אויס־שפּראָצן ביי יעדן פאַר זיך אַליין דאָס לעבן אין זיין גאַנצקייט, און דער צווייטער וועט דערינען קיין חלק נישט האָבן.

און זיי האָבן, נישט ווִיסנדיג און נישט ווילנדיג, אָפּגעוואָנדט די קעפּ איינער פון צווייטן. דערנאָך האָט זיך איינער אויפגעהויבן און, נישט מעלדנדיג דעם צווייטן, ארויס — פון באַלקאָן, פון צימער, פון די טרעפּ אראָפּ, אין גאַס אראָפּ געצויגן. און באַלד האָט זיך אויפגעהויבן דער צווייטער, שטיל אין צימער אריינ־געגאַנגען, אויפ'ן געלעגער זיך אויסגעצויגן און די אויגן פאַר־מאַכט...

דער וואָס איז אין גאַס אריין האָט זיך אומגעקוקט און פּלוצ־לונג אויסגערופן:

— לער, לער! עפּעס פעלט, עפּעס מוז מען באַקומען, עפּעס מוז מען דערגרייכן.

און ער האָט פּלוצלונג דערפילט, אַז לעבן איז נאָר א גאַנץ לעבן, און אַז ער קען קיין גאַנץ לעבן נישט האָבן, ווייל ער האָט א האַלבע נשמה. די צווייטע העלפט פעלט, זי מוז מען זוכן, געפי־נען, א גאַנץ לעבן צו באַקומען, און דאָס גליק פון גאַנצן לעבן...

און ער לויפט ראָש איבער דער גאַס, און פון איין גאַס אין דער צווייטער; קוקט אַלעמען אין די אויגן אריין, זוכנדיג זיין צווייטע העלפט נשמה.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ערשט דעם צווייטן טאָג איז ער צוריק אהיים געקומען... מיט א פרייד אין שטוב אריינגעפאַלן:

— געפונען, געפונען!

דער חבר, וואָס איז נאָך אַלץ אויפ'ן געלעגער צעצויגן, פרעגט:

— וואָס?

— מיין צווייטע העלפט נשמה!

— ווי אזוי?

דער אריינגעקומענער זעצט זיך ביים חבר צוקאָפּנס:

— זע, ווי איך שטראַל! איך פיל, מיינע אויגן גיסן ליכט... און צו זיך קומענדיג:

— ווי אַזוי, פרעגסטו ? איך האָב געזוכט... איך בין אַ מאַן, מוז, טראַכט איך, מיין צווייטע העלפט נשמה זיין ביי'ן אַ פרוי. גיי איך אין די גאַסן און זוך ביי פרויען... פון פרויען־אויגן, טראַכט איך, מוז צו מיר ארויסקוקן מיין צווייטע העלפט נשמה, נאָך וועלכער איך בענק. און טרעף איך די אויגן, וועל איך זיי דערקענען. יענע העלפט בענקט דאָך אויך נאָך מיינער... זי וועט אַ ציטער טאָן... בין איך געגאַנגען, געגאַנגען, געגאַנגען...

— און געטראָפן !

— אויגן זאָג איך דיר ! אַך, אויגן ! מיין צווייטע העלפט נשמה קוקט ארויס, מיט אַזאַ האַרציגקייט... זי האָט מיך באַמערקט ; אונזערע אויגן — זיך געטראָפן. זי האָט, ווי איך האָב פריער געוואוסט, אַ ציטער געטאָן ; אויפ'ן גאַנצן לייב אַ ציטער. זי האָט זיך דאָך באַהערשט, מיט געוואַלד פון מיינע דעם בליק אָפּגעריסן און ווייטער געגאַנגען. איך גיי איר נאָך. ווי אַ שאָטן גיי איך איר נאָך. פון גאַס צו גאַס. זי קלאַפּט אין אַ טויער... מען עפנט. איך ציטער — דאָס הויז וועט מיר איינשלינגען מיין צווייטע העלפט נשמה. און אַזוי איז געשען. נאָר פאַר'ן אריינגיין, האָט זי זיך אויף אַ סעקונדע צו מיר אומגעקערט, אַ בליק געוואָרפן, אַ גוטן, אַ האַרציגן. מיין צווייטע העלפט לעבן האָט זיך מיט מיר געזעגנט, אויף איבער נאַכט געזעגנט... אַזוי האָב איך געפילט, אַזוי האָב איך געמוזט פילן, און אַ גאַנצע נאַכט אויף און אָפּ פאַר'ן טויער געשפּאַנט, מיט מיין העלפט נשמה ביי דער צווייטער אויף דער וואַך...

דער מאָרגן גראָט, דער מאָרגן בלייכט... דער טאָג וועקט זיך, — — —

— זי האָט זיך באַוויזן...

— געוויס ! מיך מיט אַ לייכטער קאָפּ־באַוועגונג באַגריסט ! מיט אַ קוים־קוים געראָטלט שמייכעלע ארום די זיסע ליפּן. איך בין צוגעגאַנגען.

— גוט מאָרגן...

— גוט יאָר! דער שטילער ענטפער...

איך האָב זי באַגלייט... דערנאָך דערלויבעניש באַקומען, זי צו באַזוכן, אירע עלטערן וועלן באַשטיין... היינט אָוונט גיי איך! ווינטש מיר גליק! איך האָב ליב, בין געליבט, מזל־טוב, זאָג...

— נאַר! — ענטפערט דער צווייטער, — דו האָסט קוים א כלה... איך, ליגנדיג דאָ, האָב מער דורכגעלעבט... א כלה געהאַט, אונטער דער חופּה געשטאַנען... קינדער געהאַט... דריי, פיר, פינף... דערנאָך קינדס־קינדער...

ביי דיין אריינקומען אן אייניקל באַגראָבן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

א חלום פון א ליטווישן מלמד

1. דער ליטוואַק פאָרט.

קנעלט ביי'ן א רייכן אַרענדאַר אין דאָרף א מלמד. צוויי בנים האָט דער אַרענדאַר געהאַט, זאָלן זיי כאָטש עברי קענען...

און אומישנע גענומען א ליטווישן מלמד; גרויסע בריות אויף אויסלערנען עברי...

קיין גרויסע פּעולה זעט מען נאָך נישט. די בנים—ווילדע ברואים, אויסגעקאָכט מיט די שקצים, נישט אָפּצורייסן פון פערד, פון טייך, פון די לאַדאָכעס מיט סמעטענע און זויער־מילך... און דאָ גייט שוין צו פּסח, דער מלמד פאָרט אַהיים...

קיין גרויס נחת האָט דער אַרענדאַר דערפון נישט, ער וועט מוזן פאָרן עקסטראַ אין א נאָענט שטעטל אַריין און ברענגען אַן אורח, אַניט איז ביי'ן אים דער סדר קריעת ים־סוף. שטעלט ער אַליין אוים די מינים, מוז ער זיצן מיט'ן רוקן צום סדר...

עס איז אָבער קיין תירוץ נישט. פּסח, דער יום־טוב פון חירות, ער האָט אויך א ווייב און קינדער אין דער היים, — מוז ער פאָרן...

דער מלמד אַליין רעדט נישט פון פאָרן, א פאַרטראָגענער למדן! און אפשר שעמט ער זיך, מוז מען פאַר אים געדענקען. און מאַכן אים א סיורפּריז.

און צו דער רעכטער צייט בעט מען אוים א פור מיט שטרוי. די ארענדארקע פּאַקט איין שטרוי אריין מכל טוב; דער רביצין אויף יום־טוב. א פעסעלע קוואס, א פּאָר טעפּלעך שמאַלץ, א לעבעדיגן אינדיק...

— יאַנעק, — זאָגט זי צום שמייסער, וואָס שפּאַנט איין, — וועסט זיצן מיט די פים אַרוים!

— דאָבזשע! — ענטפערט יאַנעק; מיט דער ארענדארקע שפּאַרט מען זיך נישט. א אידענע א מזיק. פון אירם א בליק ווערט ניכטער א שכור'ער פּויער, און דערלאַנגט זי אין באַק, גייט מען א וואָך ארומגעבונדן...

— שפּאַן און פאָרפאָר!

יאַנעק פאָרפאָרט. די ארענדארקע שטעלט זיך ביי דער טיר, זי וועט נאָכרופן: פאָרט לחיים ושלום! זי האָט אים נישט ליב, דעם ליטוואַק, דעם אויסגעדאַרטן למדן מיט די ברעמען איבער די אויגן און צעשויבערטע באָרד מיט פאות, וואָס רעדט נישט מיט קיין אשה א וואָרט, אָבער כבוד התורה. א למדן מוז ער זיין; אַלע ליטוואַקעס זיינען למדנים. און דער ארענדאַר גייט אין שטוב אריין צום מלמד, אָנזאָגן די בשורה.

טרעפט ער אים אַליין איבער דער גמרא... די בנים זיינען שוין ערגעץ אין דאָרף, אין קעלער, צי ביים טייך...

שטעלט זיך דער ארענדאַר אָפּ אין טיר.

— רבי, געשפּאַנט...

ענטפערט ער נישט, דער ליטוואַק.

פאַרטייטשט ער אים:

— פאָר אייך... א פור, אהיים צו פאָרן אויף יום־טוב.

— איך פאָר נישט! — ענטפערט אים יענער, נישט אָפּרייסענדיג קיין אויג פון דער גמרא...

— וואָס רעדט איר, רבי?

נבהל ונשתומם ווערט דער ארענדאַר: ווי הייסט איר פאָרט

נישט? איז דאָך יעדער ליטוואַק א כעסן, בפרט א תלמיד־חכם, בריט ער אים אָפּ מיט דבורים:

— עם הארץ, בטול תורה!

לויפט ער אַרויס, דער אַרענדאַר, דערציילט דער פלונית׳טע אַזוי און אַזוי...

„א ליטוואַק, פאַר א בלאַט גמרא איז ער גע׳פועל׳ט, איך ווייס וואָס"...

— און אפשר גלייכער, צוניץ קומען, זאָגט ער, ביים סדר.

די אַרענדאַרקע הייסט אויסשפּאַנען, אויספּאַקן... דרך ארץ פאַר׳ן למדן האָט זי. אָבער דאָך אַן אשה, טוט איר דאָס הארץ ווי אויף יענער אשה, וואָס וועט מוזן גיין הערן קדוש צו׳ן א פרעמדן סדר... און דער צער פון די קינדערלעך.

פאַרפאַלן! נאָר פאָרן, טראַכט זי, וועט ער שוין. אויב נישט שבועות, א צו קורצער יום־טוב, אויף סוכות. זי וועט אים אַרויס־טרייבן מיט א קאָטשערע!

וכך הוה.

פאַר סוכות פּאַקט מען ווייטער אָן א וואָגן. יאַנעק שפּאַנט איין, פאַרפאָרט מיט׳ן קנאַק, און אַריינגיין אָנזאָגן, גייט שוין די אַרענדאַרקע.

איר זאָגט מען נישט אָפּ.

ער זיצט ווייטער ביי דער גמרא, און זי שטעלט זיך אין טיר און גיט א זאָג:

— רבי, איר פאָרט אַהיים!

גיט ער א ציטער, נאָר רייסט זיך נישט אָפּ פון לערנען.

מאַכט זי א שפּריַיז אין שטוב אַריין, פרעגנדיג:

— איר פאָרט צי נייַן?

שטעלט ער זיך אויף, פאַרמאַכט די גמרא און גייט.

זי טרעט אים אָפּ פון וועג, און אַז ער קומט צו דער טיר, רופט זי אים נאָך, שוין ווייכער:

— נעמט מיט די גמרא... שיין אין דרויסן, פוילישער יע־שען... זיצט איך אויך אויפ'ן געזעם און לערנט.

שפרייזט ער צוריק, נעמט די גמרא, גייט ארויס צו דער פור, דער ארענדאר זעצט אים אויף.

יאנעק גיט א קנאק מיט'ן בייטשל, די פערד רירן, דער ארענ־דאר מיט דער ארענדארקע רופן נאך:

— פארט לחיים ולשלום...

דער ליטוואק ענטפערט נישט... ער לערנט שוין...

און די פור ווערט נעלם אין וואלד.

2. אין וואַלד. דער ליטוואַק און די קרעטשמערקע.

איז טאַקע תורה די בעסטע סחורה און די בעסטע שמירה... אָבער משנה מנהג זיין, נישט אהיים פאָרן אויף פסח צו ווייב און קינד, פאַרשטערן זיי אַזאַ יום־טוב, איז נישט קיין קלייניג־קייט...

פאָרט מען אַזוי אין וואַלד. אין אַלטער וואַלד...ביימער ווי די ריזן, שטעקן פון דער ערד אַרויס די קניען קאַפּויר. דאָס פורל וואַרפט זיך איבער די נאַקעטע וואָרצלען. אין מערב לאָזט זיך אַראָפּ א פלאַם! די שטאַמען, ווי אונטער גרין־סאַמעטענע חופות, פלאַמען אין גאָלד. אויף דער ערד וואַלגערן זיך אַרום, ציטערן און פלאַטערן ליכטיגע רעדלעך, ווי די זילבערנע מטבעות... הערט זיך א פויגל, א צוויטער... יאַנעק פייפט א גוי׳איש לידל... דער ליטוואַק הערט נישט, אין דער סוגיא פאַרטיפט. נאָר אָט, דאָס פורל איז אַרויף אויף א צווייג, שפרינגט אונטער, דער ליטוואַק, גיט א קליינעם פלי אין דער הויך, און — דערזעט דעם וואַלד. און דערזעט א בוים, אן אַלטן, א גאָלדענעם, פאַרגעסט ער אָן דער גמרא, וואָס גליטשט זיך אים פון שויס אַראָפּ, און רופט אויס:

— מה נאה אילן זה!

און ער דערמאָנט זיך, וואָס די אַרענדאַרקע האָט געזאָגט: „פּוילישער יעשען!"

— א, דאָס איז — ציטערן אים די לעפצן — פּוילישער יע־שען... א כשוף! א כשוף!

אין מיטן הערט ער:

— טפרו־ו!

יאנעק שמעלט אָפּ די פערד.

פון די ביימער ארוים קומט אַ פויערטע. אויך א פלאַם — א רויטע ספּאָדניצע, א פארפלאַמט פּנים, רויטע בענדער פלאַטערן ארום קאָפּ...

ער קען קיין אויג נישט אָפּרייסן פון דעם פלאַם. און יאַנעק, אפּנים, קען זי...

— וואָס גייט עס די קרעטשמערקע צופּוס? — וואונדערט זיך יאַנעק.

א וואונדערלעכע זאַך, אין דאַרף — קיין וואָרט פּויליש נישט פארשטאַנען... און צינד פארשטייט ער. און עפּעס אן אנדער קול האָט ער, יאַנעק... און זי ענטפערט, און ער פארשטייט! אין שטאָט געווען, זאָגט זי, איינגעקויפט... א ראָד צעבראָכן. דעם וואָגן מיט'ן שמייסער ביים קאָוואַל געלאָזט...

— זיצט אויף! — פארבעט יאַנעק.

וויל זי צו יאַנעק'ן ארויף.

— ניין, ניין, ווערט ער איר — פול אָנגעפּאַקט מיט לאַדאָכים... זי זעט דאָך, ער אליין זיצט מיט די פיס אין דרויסן... ביים ראַבין זאָל זי זיך זעצן. א ראַבין, אָבער נישקשה, ער איז אויך א מבין, וואָס גוט איז...

ער לאַכט, זי לאָזט זיך צוויי מאָל נישט זאָגן, שפּרינגט צום ראַבין אויפ'ן געזעס ארויף, ווי א קאַץ... יאַנעק גיט א פייף, די פערדלעך רירן. זי כאַפּט אים ארום און רוקט אים אָפּ, און מאַכט זיך פּלאַץ. עס וואַרפן אים היץ און קעלט... דאָס פּורל — וואַרצל אראָפּ, וואָרצל ארויף, און זי:

— וואָס ציטערסטו אזוי, ראַבין?

ביי'ן א שטאַרקערן טרייסל גיט זי אויך א ציטער און כאַפּט אים אָן ביים האַנט.

רייסט ער אוים די האַנט, לאַכט זי:

— ע, נארישער ראַבין!

און עס וואַרפט. און קני קלאַפּן אָן קני. ער רוקט זיך ווי

ווייט מעגלעך אַפּ; לאַכט זי נאָך קלינגענדיגער:

— נאַרישער, נאַרישער רבי... ווער זעט דאָ? ווער ווייסט? וואָס? האָסט א שענער ווייב אין דער היים? ווי הייסט זי? שפּרינצע? וויפיל האָט זי דיר שוין אָנגעקינדלט, די שפּרינצע? א דאַרע, אַן אויסגעמאָגערטע מוז זי זיין... און א שלימעזאַלניצע, די שפּרינצע... פון די הענט פאַלט איר... און שילטן שילט זי...

— פון וואַנען ווייסט זי? פון וואַנען ווייסט זי? קרעכצט עס אין אים...

— און דו, — זאָגט זי, — ביזט נאָך א לייט... א פאַרשוין... מען דאַרף דיך נאָר אויסגלייכן...

און זי נעמט, און גלייכט אים די אַקסל אויס, און הויבט דעם קאַפּ.

— אָט אזוי, ווי סאַסנע! זאָגט זי... נאָר די פּאות, די באָרד!

און זי שטעלט זיך אויף געגן אים אין דער פור, פאַרגלעט אים די פּאות אונטער די אויערן, צעקעמט אים מיט די פינגער די באָרד...

— און א קוש ווילסטו?

א מערכה, וואָס מען איז אַרויס פון וואַלד, און תיכף האָט זיך באוויזן די קרעטשמע...

— טפּרו־ו!

זי שפּרינגט אַראָפּ, אַן ליטוואַק — גלייך זי וואָלט פאַרגעסן...

— קום, יאַנעק, וועסט קריגן א קאַפּ!

יאַנעק שפּאַנט אָבער אויס די פערד. ער מוז פריער צום קאָוואַל, צוויי פּאָדקאָוועס אין וואַלד פאַרלוירן...

די קרעטשמערקע פאַרשווינדט, יאַנעק רייט אַוועק. דער צע־מישטער ליטוואַק כאַפּט זיך, דערמאָנט זיך אָן דער גמרא, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט... ער הויבט זי אויף, קושט, עפנט אויף דער שוים...

— געלויבט איז ער, געלויבט איז ער... שטאַמלט ער...

דער נסיון האָט זיך אָבער נאָך נישט געענדיגט.

די זון איז שוין איינגאַנצן אַרונטער אונטער׳ן וואַלד. די פענצטער פון קרעטשמע רויטלען זיך, פלאַמען אויף. פון קרעטש־מע אַרויס הערט זיך געריויש, געזאַנג — פּויערים טרינקען...

דאָס איז ער אָבער גובר, און פאַרטיפט זיך אין זיין סוגיא... הויבט אָבער אָן דער הימל טריפן. א וואַרעם זומערדיג רעגנדל טריפט... און די פּויערטע, מיט די הענט ביי די לענדן, באַווייזט זיך פאַר דער טיר —

— עס רעגנט, ראַבין, עס וועט דיר דורכנעצן דאָס הייליגע ספר...

ציטערט ער, און גלייך זי וואָלט עס באַמערקט:

— נישט אין קרעטשמע אַריין, זאָגט זי... נאָר איבער דער קרעטשמע, אין א באַזונדער שטיבל אַריין...

און דאָס רעגנדל שטאַרקט זיך.

און א שטיבל האָט זי „א שטילס, פאַר סוחרים, פאַר פּריצים... דאָרט קומט נישט קיין קול פון קרעטשמע אַרויף...״ און „דער קאָוואַל איז אודאי נישט אין דער היים... סיי ווי סיי וועט עס דויערן ביז א שטיק אין דער נאַכט אַריין״... „זיי קיין נאָר נישט, ראַבין!״

און דאָס ערגסטע פאַר א ליטוואַק איז צו זיין א נאַר... און פון רעגנדל איז שוין רעגן, די גמרא־בלעטער פּיטש־נאַס... קריכט ער אַראָפּ, ווייזט זי אים די טרעפּלעך צום שטיבל אַרויף... גייט ער אַרויף, קומט אַריין: א טיש, א שטול, א בעט... און ליכט אָנ־געגרייט...

אוי, ווען ער האָט אַזא שטוב צום לערנען...
עובר געווען אויף „לא תחמוד״!

און דערווייל כאַפּט אים א ווילד חשק צום לערנען אין דער שטוב. און ער זעצט זיך, און צינדט אָן דאָס ליכט און עפנט די גמרא... און לערנט, א שעה, צוויי און מער, ביז דאָס ליכט גייט אויס, און ער לייגט זיך אויפ׳ן בעט, און שלאָפט איין...

איז א סברא, אַז ער האָט נאָך פאַר מידקייט פאַרגעסן קריאת שמע צו לייענען.

אין דער פרי רירט אים די פּויערטע ביי די אַקסל און וועקט אים אויף:

— יאַנעק'ן מיט דער פור האָב איך, — זאָגט זי, — אהיים געשיקט...

— וואָס? וואָס?—שטאַמלט ער אין שרעק.

— דו וועסט דאָ, — זאָגט זי, — זיצן און לערנען... ס'וועט דיר קיינער נישט שטערן, א באַזונדער חדר... ס'וועט דיר גוט זיין, וועסט זען!

זיין שרעק וואַקסט.

לאַכט זי:

— וואָס שרעקסטו זיך? כ'וויל דיך נישט מאַנס זיין, חלילה... און אַז מען וועט זינדיגן אַמאָל, האָסטו דאָך דעם זכות פון דיין הייליגער תורה... ס'וועט מכפּר זיין...

און זי שמייכלט, און גלעט אים איבער'ן פּנים:

— און כשר'ס וועסטו עסן... מילכידיגס... ברויט — פון שטאָט... דו זיץ דיר און לערן... זיץ און לערן. קיינער וועט דאָ נישט אַרויפקומען, קיינער וועט נישט וויסן... נאָר דו און די תורה...

די תאוה פון למדן וואַקסט.

— אָבער סוכות, שטאַמלט ער, סוכות!

און א וואונדערלעכע זאַך... זי פאַרשטייט גאָר אידיש, און ענטפערט:

— וועסט דיר מאַכן א סוכה, א כשר'ע סוכה... כ'וועל דיר געבן ברעטער, ברענגען סכך פון וואַלד...

און ער איז געבליבן...

3. ביי דער קליפּה צווישן די נעגל.

געבליבן...

די קרעטשמערקע האָט געהאַלטן וואָרט, געגעבן גאָר מילכידיגס און ברויט—אידיש ברויט פון שטאָט.

מכפר צו זיין די זינד, וואָס ער זיצט ביי'ן א ערלית, האָט ער א נדר געטאָן: אויף א מעת-לעת א שעה וויניגער צו שלאָפן און א שעה מער צו לערנען. און וועט אויך האַלטן וואָרט.

פּאַרטיפט אין לערנען, וואָלט ער אפשר גאָר אָן סוכות פאַר־געסן; זי אָבער דערמאָנט.

זי קומט אַרויף, שטעלט זיך אים געגנאיבער, לייגט די רויטע נאַקעטע הענט פאַר אים אויפ'ן טיש, מיט די פינגער ביז צו דער גמרא, און שמייכלט:

— איז דיר גוט, ראַבין?

— גוט, גוט... שטאַמלט ער.

—און פאַר וואוילטאָג האָסטו פאַרגעסן, וואָס היינט איז?

— וואָס איז היינט?

— ערב סוכות. איך אָבער האָב נישט פאַרגעסן. אויפ'ן הויף ליגן שוין ברעטער, אומישנע א שטעלכל צענומען...

זי האָט שוין אפילו געשיקט אין וואַלד אריין נאָך סכך...

— עפּעס גאָר א צוגעשיקטע זאַך, — טראַכט ער, — אַן ערלית, פאַרשטייט און רעדט אידיש, ווייסט וואָס סכך איז.

אָבער אַראָפּגיין גלוסט זיך אים נישט. ער קען די אויגן פון דער גמרא נישט אויפהויבן.

גוט... זאָל ער זיך לערנען. זי ווייסט, ווי מען מאַכט א סוכה, ווי מען באַדעקט מיט סכך. פאַרנאַכט וועט זי אים רופן צו „קדוש”.

„קדוש” ווייסט זי אויך.

און צו „קדוש” האָט זי געלאָזט ברענגען פון שטאָט ראָזינקע־וויין. זי ווייסט, ער וועט קיין נסך נישט טרינקען. און אויב דער ראַבין וויל, קען ער מאַכן קדוש איבער חלה. דאָס ווייסט זי אויך. און חלות האָט מען געברענגט פון שטאָט, חלות ווייסע ווי שניי! זיין שפּרינצע באַקט נישט אַזוינע חלות.

— נאָר קיין פלייש, זאָל ער שוין מוחל זיין, וועט ער נישט האָבן...

— צי ווייסט זי פון „בשר שנתעלם מן העין אויך”?

— פאַר דאָס וועט זי דעקן א טיש! א טישטוך—א ווייס. ליכט—גרויסע, כשר׳ע ליכט...

זי גייט אַריבער צו דער צווייטער זייט טיש און לייגט אים די ווייכע האַנט אויף די אַקסל:

— דו וועסט דיר זיצן אין סוכה, עסן און טרינקען, און שלאָפן אין סוכה...

מען וועט אים איינשטעלן א בעט... בעטגעוואַנט, אויך ווייס ווי שניי...

ער ציטערט אין גאַנצן —

— אָבער דו, מאַרטאַ (ער ווייסט שוין, ווי זי הייסט) דו, מאַרטאַ, בעט ער זיך, — זאָלסט אין סוכה אַריין נישט קומען, עס פּאַסט נישט...

— איך ווייס, איך ווייס — שמייכלט זי, — צום עסן נישט, צום בענטשן — נישט... כל־זמן די ליכט וועלן ברענען — אויך נישט...

און פאַרשווינדט...

ער בלייבט צעשראָקן און צעמישט... פאַרגעסט די גמרא און זיצט אין זיך אַריין פאַרזונקען. און זיצט אַזוי א שעה און צוויי. דערנאָך דערהערט ער די האַק, וואָס אַרבעט, צוזאַמענשלאָגנדיג ברעטער אין הויף...

— א לייטער! — רופט מאַרטא אין הויף —

זי וועט אודאי לייגן דעם סכך. עמיץ פון קרעטשמע העלפט איר, אפנים. אויך א גוי...

וואָס פאַר א סכך, וואָס פאַר א סוכה וועט עס זיין? וועט ער דאָרט זאָגן די „אושפיזין"?

און ער גריבלט אַזוי אין זיך, און גריבלט, ביז די זון גייט אונטער און מאַרטא רופט צו אים אַרויף:

— ראַבין מיינער, ראַבין ליבער, שטעל דיך דאַוונען. די זון לאָזט זיך אַראָפּ... באַלד וועלן זיך אין הימל שטערנדלעך באַ־וויזן... אַזאַ שיינע נאַכט, אַזאַ שטילע נאַכט...

אַזאַ אשה צנועה, טראַכט ער. די ערלית.

געמוזט אַמאָל זיין אין שטאָט, דינען ביי'ן א איד, ווייסט זי דינים, אפילו די דינים פון סוכה, און ווייסט, וואָס א ראַבין— א איד א למדן איז...

און ווי ערלעך זי האַלט אים... אויף זיין שפּרינצע'ן געזאָגט... זי וועט זיך גאָר אפשר, אים צוליב, מגייר זיין...

און ער שטעלט זיך דאַוונען...

4. הושענא רבא ביינאַכט.

און ער האָט מקיים געווען מצות סוכה מיט אַלע פּיטשעווקעס. געגעסן, געדאַוונט, געלערנט אין סוכה, געשלאָפן...

הושענא רבא ביינאַכט... נאָך וועטשערע, ער זיצט און לערנט, דער קאָפּ וויגט זיך ווי אַן אומרו אין דער ברייט... באַמערקט ער פּלוצלונג, אַז זיין קאָפּ וואַרפט איבער'ן באַלייכטן טיש קיין שאָטן נישט.

דערשרעקט ער זיך, הויבט זיך אויף, גייט איבער דער סוכה. אויף און אָפּ, איבער דער לענג, איבער דער ברייט, — דער גאַנצער גוף האָט קיין שאָטן נישט.

גיט עס אים א כאַפּ ביים האַרץ, ווי מיט א צוואַנג, אין די שליפּן קלאַפּן העמערלעך. ער לויפט אַרויס אויפ'ן הויף — אַן אויסגעשטערנטע לבנה־נאַכט... די קרעטשמע וואַרפט איר שאָטן איבער'ן הויף...

אָנגעשפּאַרט ביים דאַך שטייט א לייטער, די לייטער האָט איר שאָטן. אויפ'ן דאַך שטייט א קאַץ, זי האָט איר שאָטן. און זי קוקט צו אים אַראָפּ מיט רויטע אויגן. און—

— מיאַ־ו, מיאַ־ו!

זי לאַכט עס אויס אים:

— איך בין נאָר א קאַץ און האָב מיין שאָטן, און דו, ליטוואַק־למדן, האָסט קיין שאָטן נישט!

דרייט ער זיך אָפּ, ער קען אירע רויטע אויגן נישט אויסהאַלטן. קומט פון ביידל אַרויס „בריטאַן”... אויף דער גאַנצער לענג פון דער קייט אין הויף אַריין קומט ער, און—

— וואַר, וואַר!

צו דער קאַץ? ניין, אויף אים וואַרקעט ער, דער הונט.

— איך בין א הונט און האָב מיין שאָטן... מיין קיוט האָט איר שאָטן. און מאַך איך מיט׳ן עק, האָט דער עק זיין שאָטן און וואַרפט זיך גלייך מיט אים. וואו האָסטו דיין שאָטן אהינ־געטאָן, ליטוואַק? חייב מיתה ביזטו געוואָרן, וועסט דאָס יאָר נישט אויסלעבן! וואַר—וואַר!

ניין!

ער מוז זיין לעבן ראַטעווען! ער מוז אוועק פון קרעטשמע... צום אַרענדאַר, אהיים... ער מוז אַוועק פון דער ערלית צו זיין שפּרינצע, צו זיין אשת חיל די צנועה, צו דער מאַמען פון זיינע קינדער...

אָבער ווי אַזוי באַפרייט מען זיך?

עס איז דאָך א בישוף, די ערלית... די מאַרטאַ... ער מוז זי נישט אַנדערש נאָר דער׳הרג׳ענען... כל זמן זי לעבט, פּילט ער, כל זמן זי האָט אָפענע אויגן, כל זמן זי קוקט אויף אים מיט אירע אויגאַנים, וועט ער זיך פון דער קליפּה נישט באַפרייען—טויטן מוז ער זי...

און אינ׳ם אויפגעקאָכטן האַרץ שרייט עס:

— טויטן, טויטן!

דערנאָך וועט ער תשובה טאָן... ער וועט באַדיי צו׳ן א רבי׳ן פאָרן (ביים גאַנצן לעבן אויף גוטע אידן חוכא וטלולא געמאַכט), א תשובה אַרויסנעמען... תעניתים, גלגול שלג, וואָס עס קען נאָר זיין פאַר יסורים...

און אפשר וואָלט גאָר קיין בלוט ניט געגאַנגען... ביים ערשטן קלאַפּ וואָלט די קליפּה צערונען געוואָרן, ווי א רויך זיך צעלאָזט... אַליין איינם. ער מוז טאָן זיינס...

אין סוכה, דערמאָנט ער זיך, וואַלגערט זיך אַרום אין ווינקל די האַק, מיט וועלכער מען האָט צוזאַמענגעשלאָגן די ברעטער...

און ער לויפט נאָך דער האַק. —

5. דער ליטוואַק פאָרט אַהיים און טוט א נדר.

דאָס ליכט אין סוכה האָט זיך שוין אויסגעברענט; ער טאַפּט, געפינט די האַק אין דער פינצטער, נעמט זי און שטעלט זיך אין סוכה ביי דער טיר...

ער וועט זי אָפּוואַרטן, זי וועט דאָך קומען...

ביים ערשטן אריינבויגן דעם קאָפּ, וועט ער איר מיט דער האַק דערלאַנגען...

וואַרט ער זי אָפּ א שעה און צוויי, מאַרטא קומט נישט... שטיל, מען הערט קיין טריט...

די מכשפה האָט זיך אפשר געשטויסן. אפשר האָט זי אים געזען פון פענצטער פון איר גרויסער שטוב אין דער הויך אין הויף, און באַרשטאַנען נאָך וואָס ער לויפט.

מאַכט נישט אויס, ער גייט מיט דער האַק צו איר. די פענצ־טער פון אינעווייניג פאַרלאָדנט, די טיר פאַרמאַכט. רופן קען ער נישט, פאַרשנירט דער האַלז. קלאַפּט ער פריער מיט דער האַנט, דערנאָך מיט דער האַק. קיינער ענטפערט נישט. הויבט ער דעם קאָפּ אויף צום פענצטער פון מאַרטאַ'ס גרויסער שטוב אין דער הויך — דאָרט לייכט זיך, דאָרט לייכט זיך שטאַרק. די שייבלעך פלאַמען. א שמחה מוז דאָרט זיין, א גערויש הערט זיך, א פריילעכס. א האַרמאָניקע רופט זיך אָן, א פייפערל ציט מיט...

— לחיים! — רופט מען—אויף גויש. אויפ'ן ליטווישן מלמד'ס פאַהיבעל!

— פּארפּאלן, שוין דעם שאָטן פּארלאָרן! — לאַכט מען.

זי—אויך...

ווייסט ער שוין אין וועמעס הענט ער איז אריינגעפאלן. אַן אנדערער, — אנטלויף, ווי פאר פייער. איז ער דאָך אָבער א קפּדן — א ליטוואַק, צעפּלאַקערט זיך אינ׳ם נאָך מער די רציחה. ער מוז אַרויף צו איר. ער מוז זיך נוקם זיין, טויט שלאָגן.

געדענקט ער דאָך, אַז אויף יענער זייט הויז שטייט, אָן דאַך אָנגעשפּארט א לייטער, לויפט ער נאָך איר, ברענגט זי. שטעלט זי אויף, שפּארט אָן אָן פענצטער און קריכט, מיט דער האַק אין דער האַנט, אַרויף!

פּלוצלונג—טראַך!

א שטאַפּל ברעכט זיך אונטער, ער פאַלט אַראָפּ, אַראָפּ. פאַלט לאַנג, ווי אין א תהום, אין א גיהנום אריין. און פאַלט מיט׳ן קאָפּ אויף עפּעס האַרטס און כאַפּט זיך אויף...

ער איז אין וואַלד... איינגעשלאָפן, און פון דער פור אַראָפּ־געפאַלן...

— יאַנעק! יאַנעק! — שרייט ער נאָך דער פור —

קוים יאַנעק האָט דערהערט און זיך אָפּגעשטעלט, דערזעען, ווער עס רופט...

אָבער אויפהויבן אליין קען ער זיך נישט. מיט׳ן קאָפּ אויף א וואָרצל פון א בוים געטראָפן, בלוט טריפט...

נישט געפערלעך. יאַנעק האָט אַראָפּגעכאַפּט א שמאַטקעלע פון א לאַדאָך מיט זויער־מילך, און אַרומגעבונדן. און אויפגע־הויבן, און אויף דער פור צוריק אַרויפגעזעצט...

מען פאָרט ווייטער און פאָרנדיג, טוט דער ליטווישער מלמד א נדר:

נישט משנה מנהג זיין! וואו ער זאָל נישט קנעלן, אויף פּסח, אם ירצה השם, פאָרט ער אַהיים... צו זיין שפּרינצע, צו זיינע קינדערלעך.

וואָרט וועט ער האַלטן, דער ליטוואַק!